ווײַסרוסישע וויסנשאפט־אקאדעמיע
יידישער סעקטאָר

פון מרדכי קאָסאָווערס זאַמלונג
אינוו. נומ ........................ אָפּט ........................

# צײַטשריפט

באנד 5

## ליטעראטור־פאָרשונג

אויסגאבע פֿון דער ווײַסרוסישער וויסנשאפט־אקאדעמיע
מינסק — 1931

# פון גאָטלאָבערס ליטעראַרישער יְרושע

פון דער רעדאַקציִע: די לידער און פּאָעמעס פון א. ב. גאָטלאָבער (1811—1899), וואָס מיר דרוקן דאָ, זײַנען ביז איצט ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. מיר האָבן זיי באַקומען פון דעם ליטעראַטור־פאָרשער י. צינבערג, בא וועמען עס געפינט זיך גאָטלאָבערס אַרכיוו. דער מאָשל „די דעפּוטאַטן" האָט דעם כאַראַקטער פון א פּאָליטישער סאַטירע קעגן יידישע שטאַדלאָנים אין דער צײַט פון ניקאָלײַ דעם ערשטן (אף וויפל מע קען אורטיילן לויטן אויסזען פון מאַנוסקריפּט, איז ער פאַרפאַסט געוואָרן נישט שפּעטער פון דער ערשטער העלפט פון 19־טן י"ה), ער איז פאַרשריבן מיט גאָטלאָבערס אייגענער האַנט. די סאַטירע „דאָס גרויסע קינץ אָדער דאָס ביסעלע מינץ", פאַרפאַסט אין די פערציקער יאָרן, איז טיילווײַז שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם „גילגל" („קויל־מעוואַסער") 1871, נומ. 20, פון דאָרט איבערגעדרוקט אין „א. ב. גאָט־אָבערס יידישע ווערק", 1927, זײַטן 237—241, אין וועלכן עס זײַנען אַרײַנגעפּלאָכטן 17 סטראָפעס (נומ. 8—19 און 21—25); אונדזער טעקסט האַלט 48 סטראָפעס און רײַסט זיך איבער באַם אָנהייב פון דער 49-טער סטראָפע; עס איז א קאָפּיִע פון גאָטלאָבערס טאַלמיד שמועל הורוויטש פון קיִעוו. „די פאַרקערטע וועלט" איז א גרויסע דידאַקטישע פּאָעמע (ניט א פּיעסע, ווי פרידקין—רייזען שרײַבן, דאָרט, IX), אויך א קאָפּיִע פון דעם דערמאָנטן הורוויטש. מיר דרוקן דאָ אויך דעם פראַגמענט פון זייער אן אינטערעסאַנטער פּאָעמע „רעב איציק גער". עס האָט, ווײַזט אויס, געזאָלט זײַן א ברייט געפּלאַנט ווערק, מיט א שאַרפער אַנטיצאַדיקישער טענדענץ. מאַשמאָעס, גאָטלאָבער האָט די פּאָעמע נישט פאַרענדיקט, ווײַל דער קסאַוויאַד, וואָס רײַסט זיך איבער אינמיטן, איז געשריבן אייגנהענטיק פון גאָטלאָבערן. — „מיין ליד" איז מינאַסטאַם געשריבן אין דער רעאַקציִע־צײַט, נאָך די אכציקער יאָרן. — פון „איש כאָסיד" זײַנען אופגעהיט צוויי וואַריִאַנטן, פאַרשריבן דורך גאָטלאָבערן גופע, ביידע ניט פאַרענדיקט; זיי שיידן זיך אונטער שטאַרק פון דריטן נוסעך, א פאַרענדיקטן, פגל. אין די „יידישע ווערק", זײַטן 31—36. עס איז א פּאַראָדיִע אף די שאַבעסדיקע זמירעס מיטן אויספּיר: דער „איש כאָסיד" ווערט א פּראָצענטניק, א מענוול. — דורך גאָטלאָבערן גופע איז אויך פאַרשריבן דער „עפּי־גראַם אף א מעכאַבער".

בא די גראַמען האָבן מיר טיילווײַז פּאַרהיט גאָטלאָבערס וואָלינער אויסשפּראַך. — די אָנמערקונגען צום טעקסט זײַנען י. צינבערגס.

## די דעפּוטאַטן

אין ווילדן וואַלד, אין זײַן שלאָפצימער,
ליגט זיך אמאָל דער לייב — דער גרויסער מיילעך —
סאַמע אינמיטן צימער,
אונטערן שאָטן, זייער פריילעך.

„סע זייער גוט א מיילעך צו זײַן,
אַזוי שמיסט ער צו זיך אליין,
ווי איך קום ערגעץ אין וואַלד אַרײַן,
ציטערט פאַר מיר פון גרויס ביז קליין.

נאָ! איך וויל מיר אביסל אופשטיין
פון מײַן מאָקעם־מענוכע
און וועל אביסל אף דער וועלט אַרויסגיין
אָנקוקן מײַן מעלוכע".

געזאָגט — געטאָן. ער כאַפּט זיך אוף,
און ציט זיך די גלידער אויס,
און גייט זיך באַרג אַרויף
גלײַך פונעם וואַלד אַרויס.

די כײַעס פונעם אנדערן וואלד
האָבן דערהערט, אז דער מײלעך קומט אָן,
זײַנען זײ זיך אלע צונויפגעלאָפן באלד
צו קלערן, וואָס זײ זאָלן טאָן.

סע האָט זיך זײ נאָך ניט געטראָפן אזא צאָרע,
זײ זאָלן דארפן שטײן פאר אזא סראָרע;
טאָמער וועט אים כאָלילע ניט געפעלן
ווי זײ וועלן אים געריסן,
וועמען זאָל מען דאָ פאָרשטעלן —
ער זאָל מיט אים שמיסן.

עס איז באקאנט פון אלע צײַטן,
אז דער אײזל איז געוועזן צווישן לײַטן.
אף אים האָט געריטן אווראָהאָם אונדזער זײדע,
בעשאס ער האָט געפירט ייִצכאָקן צו דער אקײדע,
און מיט בילאָמען האָט ער לאָשנקוידעש גערעדט,
דאָס שטײט דאָך געשריבן אין דער טוירע,
דאָס איז, דאכט זיך, ניט קײן געשפעט,
אזעלכער האָט פאר קײנעם קײן מוירע.

בעקיצער, עס איז אזוי געבליבן,
מע האָט דעם אײזל אויסגעקליבן —
דעם לאמדן, דעם באל-לאָשנקוידעש —
פאר שטאדלען און פאר פארנעס-כוידעש,
און מע האָט אים געזען פײַן אויסקלײדן —
ער זאָל מיטן מײלעך רײדן.

נאָר ווײַל ס׳איז דאָך אָבער ניט שײן,
ער זאָל גײן אײנער אלײן, —
האָט מען נאָך א שטיק זיבן
דעפּוטאטן אויסגעקליבן.
דער אָקס, דער שײנער באלעבאָס,
אראָפּגעלאָזן די נאָז,
ווי אן ערלעכער באל-יוישער,
און דאָס פערד, דער גרויסער אוישער,
און בײדע ראטמאנס — דער וואָלף און דער הינט
האָבן זיך אויך אָנגעטאָן געשווינד.
דער געשוואָרענער ראָוו, דער בער,
איז אויך געקומען אהער;
זײ זײַנען שוין גאָר פארטיק געוועזן
דעם לײב דעם מײלעך אנטקעגן צו גײן.

דער פיקסל — דער קלוגער ייִנג
זעט דאָס צו אלדינג
און שטײט זיך גאָר פון ווײַטן,
און האלט זיך פאר געלעכטער בא די זײַטן:
שטײט, ברידער, אביסל אף אן אָרט,
איך האָב מיט אײַך צו רײדן א וואָרט,
זײַט איר מעשוגע אָדער מעטורעף, מעכילע,
מע וועט אויס אײַך מאכן כוכע אוטלילע,
פײַן, כלעבן, א שײנער מאסעמאטן,
איר האָט דאָ אויסגעקליבן שײנע דעפּוטאטן.
זעט נאָר אײַער פארנעס כוידעש — דעם עזל,

ווי ער האָט שוין אראָפּגעלאָזט דעם נעזל,
און די אויערן הענגען אראָפּ ביז צו דר'ערד,
אף וועם פארלאָזט איר זיך? אף אים און אף דעם פערד?
אזוי וועלן זיי שטיין פארן לייב דאָרט?
קיינער וועט ניט וויסן צו ריידן א וואָרט!
וואָס טויג אײַך דער אייזל — טרײַבט אים אוועק,
אף אים איז נאָר גוט צו לייגן פעק,
און א פערד האָב איך געזען בא לײַטן
זאָטלט מען צו רײַטן;
פאר א סראָרע שטיין
האָב איך נאָך זיי ניט געזען.
די כײַעס האָבן זיך מעיאשעוו געווען,
און זײַנען געבליבן שטיין,
און האָבן אָנגעהויבן איבערצוקלערן
זיי זאָלן זיך צוריק אומקערן.
שויטים! — זאָגט דער פוקס צו דער אסיפע, —
איך זאָג אײַך דעם עמעס, איך קען ניט קיין כניפע,
איך האָב נאָך אזעלכע נאראָנים ניט געזען,
וואָס זײַט איר געבליבן שטיין?
גיין מוזט איר סײַוויסײַ,
נאָר איינגאנצן וואָס איז צו טאָן דערבײַ?
איר זאָלט אײַך זען קריגן
עפעס א רעכטן, עפּעס א קליגן,
און א שיינע אָסאָבע דערצו,
איר דארפט אײַך אפילע ניט געבן קיין מי.
עפנט נאָר אוף די אויגן און זײַט
ווי ער שטייט
פון אײַך גאָר ניט ווײַט,
טאקע איינער פון אײַערע לײַט.
נאָך האָבן זיי ניט געוווסט, וואָס זײַנע רייד באטײַטן,
ווי יאוועט זיך ניט פלוצלונג א צאפּ פון ווײַטן
מיט א באָרד ווײַס ווי שניי
און ווי א קאשער שטיין ......) [1]
אף אים האָבן אלע אויסגעגלאָצט די אויגן:
„אָט דער וועט אונדז פאר א שטאדלען טויגן!"
און ווי א פעדער פונעם ווינט,
זײַנען זיי געלאָפן געשווינד
און האָבן געטאָן א כאפּ
דעם באָראָדאטע צאפּ
און זײַנען געלאָפן זייער פריילעך
אנטקעגן דעם לייב — דעם גרויסן מיילעך.

———

דאָס פיקסל האָט שוין גאָר געשוויגן,
אין האָט דרײַ מאָל קלעק אויסגעשפּיגן,
און טראכט בא זיך: אז זיי זײַנען יאָ אזעלכע לײַדאקעס,
אזעלכע נאראָנים, אזעלכע דאָראקעס,
און זיי ווייסן ניט קיין אייצע צו געבן,
זאָלן זיי זיך ברעכן לײַב און לעבן.
איך וועל אומיסטן גיין

1) דעמראָזיקן פערז, וואָס שמעקט מיט ניבלפע, האָט גאָטלאָבער שפּעטער אויסגעשטראָכן.

און וועל פון ווײַטן זען,
ווי אזוי די נאראָנים
זײַנען דעם לייב מעקאבל פּאָנים.

———

קורץ, זיי זײַנען צום לייב געקומען,
ער האָט זיי גאנץ פײַן צוגענומען,
ער האָט שוין פארשטאנען אין די האוואיעס,
אז דאָס זײַנען די דעפּוטאטן פון די כײַעס.
ווי דער לייב האָט נאָר אָנגעהויבן צו שמיסן,
האָט זאָרעס דער פערד אָנגעהויבן צו ניכן,
און דער פּארנעס-כוידעש — דער עזל —
האָט זיך אויסגעשנײַצט דאָס נעזל,
דער אָקס האָט אויסגעגלאָצט די אויגן,
דער בער האָט די פּלייצעס אופגעצויגן
און האָט אויסגעשטרעקט די לאפּעס;
ווער שמיסט די ראטמאנעס — די דראבּעס,
די סיפּאקעס, די הויט-שינדער,
זײַנען געשטאנען גאָר באזינדער
און האָבן געווארט אפן אויגנבליק,
ווען זיי וועלן שוין גיין צוריק.
נאָר דער שטאדלען, דער צאפּ, איז געשטאנען פון פאָרן
און האָט געשאָקלט טאָ מיטן רעכטן, טאָ מיטן לינקן האָרן,
ער האָט צוגעהערט ווי דער לייב האָט גערעדט
און זיך בא דער באָרד אלע מאָל געטאָן א גלעט.
אינמיטן האָט ער אויך א פּאָר ווערטער געזאָגט
און האָט קלוימערשט עפּעס ווי געקלאָגט,
נאָר אזוי ווי ער האָט ניט געוווסט זיך אויסצודרייען,
האָט אים דער לייב ניט געקענט פארשטייען.
אָט דאָ האָט זיך שוין אָנגערופן אי דער אייזל, אי דער בער,
דער אָקס, אי דאָס פערד, און נאָך עטלעכע מער;
און טאקע מיניי-אוביי
איז שוין געוואָרן א געשריי.
דער לייב האָט דאָס דערהערט,
האָט ער זיך פון זיי אוועקגעקערט
און האָט געהייסן אלע ארויסטרײַבן —
סע זאָל פון זיי דאָ א פוס ניט בלײַבן.

ווי זיי זײַנען נאָר אף דער גאס ארויסגעקימען,
האָט זיך איטלעכער אָנגעהויבן צו בארימען.
דער צאפּ האָט זיך אופגעכאַפּט:
דער לייב האָט אים אף די פּלייצעס געקלאפּט,
דאָ בארימט זיך דער אייזל . . . . . . .[1]
דער לייב האָט אים א קניפּ געטאָן אין בעקל,
דאָס פערד וויל גאָר דערקלערן:
דער לייב האָט אים א קוש געטאָן אין שטערן.
דאָס פיקסל טראכט זיך: וואָס הארט מיר וואָס איר בילט?
זאָגט אײַך, וואָס איר ווילט;
איך בין פון ווײַטן געשטאנען,
איך ווייס ווי איר זײַט ארויס פון דאנען.
איר ווייסט אזוי וואָס א דעפּוטירניק באטײַט,
פּונקט אזוי ווי אײַערע קאָהאָלס לײַט . . .

---

[1] די לעצטע צוויי ווערטער זײַנען אויסגעמעקט.

# די גרויסע קינץ, אָדער דאָס ביסעלע מינץ

1

עס גייען מענטשן אלערליי,
לויפן ארום אין דער וועלט,
שרייַען אלע איין געשריי:
געלט און ווידער געלט!
שטודירן אלע די גרויסע קינץ,
ווי מע באקומט דאָס ביסעלע מינץ.

2

דער רעבע פאסט און דאוונט לאנג
און רייַסט זיך אף די גלאטע ווענט;
ער שרייַט אף א קאָל מיט געזאנג
און פּלעסקעט מיט די הענט;
ער מיינט, אז דאָס איז די גרויסע קינץ,
ווי מע באקומט דאָס ביסעלע מינץ.

3

דער ראָוו שאָקלט זיך איבער דעם „יורע דייע״
און קייַט די באָרד מיט די ציין;
ער נאקעט און נאקעט און דרייט די פּייע
מיט האוואיעס און מיט לאָמדישן כיין.
ער טראכט זיך: דאָס איז די גרויסע קינץ,
ווי מע באקומט דאָס ביסעלע מינץ.

4

דער מאגיד זאָגט דעם אוילעם א דראָשע
און שוערט זיך בא זייַן לעבן,
אז די גרויסע טשוווע איז פאר דעם ראָשע,
אז יענער זאָל נאָר צדאָקע געבן.
ער דארשעט פאר זיך, ער מיינט די קינץ,
ווי צו באקומען דאָס ביסעלע מינץ.

5

דער כאזן רייַסט זיך אָן דאָס געזינד,
ער קוועטשט מיט דעם פינגער דעם גאָרגל;
ער מאכט זיך נארעש ווי א פּיצל קינד,
ער מיינט — ער זינגט שיין ווי אן אָרגל.
ער מוטשעט זיך, נעבעך, איבער דער קינץ,
ווי צו באקומען דאָס ביסעלע מינץ.

6

דער באס איז, נעבעך, זייער זינדיק,
ער רייַסט זיך די קישקעס מיט מי;
ער ווערט בלאָוו און רויט ווי אן אינדיק,
און ריטשעט ווי א קי.
ער וואָלט, נעבעך, גערן געקענט די קינץ,
ווי צו באקומען דאָס ביסעלע מינץ.

7

דער טענאָר דער פלעטור פירטל זינגער [1]
פארשוואַרצט איז זייער לעבן געוואָרן,
עס קומט קיינעם ניט אָן די פארנאָסע גרינגער,
עס איז אף זיי א בייזער צאָרן.
זיי מוטשען זיך אַלע איבער דער קינץ,
ווי מע באקומט דאָס ביסעלע מינץ.

8

דער פּאָדראַדטשיק לעבט ווי א גרויסער האר
און זשאַלעוועט ניט קיין געלט;
א גאנצן טאָג זידט דער סאמאָוואַר,
ער מאכט טיי פאר דער גאנצער וועלט.
עס שטעקט דערינען א גרויסער קינץ,
ווי מע באקומט דאָס ביסעלע מינץ.

9

ער זעצט זיך אף דער דראָשקע ברייט,
אָנגעשפּארט מיט דעם רוקן,
די הענט פּאָדבאָקום, די פּיס צעשפּרייט,
און וויַיזט די וועלט זיַינע גליקן:
פּאָדראַדן צו נעמען איז א גרויסע קינץ,
א זאַדאַטאָטשנע סומע — א שיין ביסל מינץ.

10

דער באַלעבאָס אף דער סטאַנציִע גיט אף באָרג
א ראָסל־פליייש מיט קנישעס,
נאָר דאָס איז טאָמיד זיַין גאנצע זאָרג,
ווי נעמט מען אף זאַלאָג עטלעכע דישעס [2];
ווי קען מען דען מאכן די קינץ,
ווי קאָן מען באקומען דאָס ביסל מינץ.

11

צי האָט ער פערד, צי האָט ער ניט —
א גלאָק מוז ער האָבן:
א קעמל, א בערשטל פירט ער מיט
און א ביינדל דעם צונג צו שאָבן;
דעם אָנשטעל דאַרף מען צו דער קינץ —
צו כאפּן אף קרעדיט א ביסעלע מינץ.

---

1) דערדאָזיקער פערז איז, ווי עס שיַינט, פארגריַיזט.

2) עטלעכע דישעס — עטלעכע פויערשע נעפּאַשעס. וויַיל דער „גילגל" איז געדרוקט שוין נאָך דער באפריַיונג פון די פויערים, האָט דערדאָזיקער פערז שוין געקלונגען, ווי אן אנאכראָניזם. איז דאָרט דערפאר די גאנצע סטראָפע געענדערט:

דער באַלעבאָס אף דער סטאַנציִע גיט אף באָרג
געבראָטנס מיט קאָטלעטן;
נאָר דאָס איז טאָמיד זיַין גאנצע זאָרג,
ווי באקומט מען א זאַלאָג א פעטן:
אָן דעם קאָן מען ניט מאכן די קינץ, —
נישטאָ קיין זאַלאָג, נישטאָ דאָס ביסל מינץ.

12

באם טואלעט איז ער א בעריע
א שאָ אף דעם זייגער צו זיצן;
מאקסאר-פּאָמאדע אייל [1], א גאנצע גאלאנטעריע.
און א שערל די באָרד צו פּיצן,
און שווארצן די האָר — די שווארצע קינץ,
דאָס קאָסט אלצדינג א שיין ביסל מינץ.

13

אינדערהיים קאָן ער לאנג ניט בלײַבן,
נאָר ארומגעפאָרן.
דאָס ווײַב קומט ער אָפּ מיט בריוולעך שרײַבן
און פארלעבט בא באלעבאָסטעס די יאָרן.
ער מאכט קינדער אי דאָ אי דאָרט מיט קינץ [2];
בא דער באלעבאָסטע בלײַבט דאָט ביסעלע מינץ.

14

דאָס ווײַב זיצט אין שכיינעס אין שולגאס
און פארזעצט [3] דאָס בריסטיך מיט שפּאניער;
בא אים שטייט פּאָרטער א גאנצע פאס
און פופציק בוטל שאמפּאניער.
נאָ, איז דאָס ניט א גרויסע קינץ,
אזוי אויסברענגען דאָס ביסל מינץ?

15

אויסצוברענגען ניט אף ווײַב און קינדער,
ניט אף אָרעמע קרויווים,
אליין צו זיצן אין דער פרעמד באזינדער,
אהיים קומען נאָר אמאָל אף יאָמטויווים.
איז דאָס ניט א גרויסע קינץ [4]
אזוי אויסצוברענגען דאָס ביסל מינץ?

16

אויסצוברענגען אף פערדלעך און דראָשקעס [5],
אף זשוקאָווס ציגארן [6] און פּאַפּיראָסן,
אויסצוברענגען אף פּילען, אף פּראָשקעס,
אף... איך װאָלט מיר גערן דאָס מויל פארשלאָסן...
נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו זײַן קינץ,
ווי אזוי ער באקומט דאָס ביסעלע מינץ.

17

א סטראָיעניע איז בא אים א געשעפט,
אבי ער האָט זי געצייכנט אף א טאָוול;
ער סטראָיעט א קלויסטער [7], א לאזארעט,
כאָטש, דעם טורעם פון באָוועל —

1) אין „קול מבשר״ פארפומען, פּאָמאמדע.
2) דאָרטן: וואָס ער פארד־נט מיט הויצאָע. מיט קינץ.
3) דאָרטן: און פארזעצט אף שאבעס.
4) דאָרטן: נארישע.
5) אין „קול מבשר״: אויסצוברענגען אף פֿאָרן און דראָשקעס.
6) דאָרטן: אף קעסטלעך ציגארן.
7) דאָרטן: א בייט-הויז.

אָן שטיינער, אָן וואפנע, אָט דאָס איז א קינץ,
און באַקומט דערפאר דאָס ביסעלע מינץ.

18

הייבט דער סמאָטריטעל אָן צו שרײַען:
עס האָט זיך געקאָנטשעט דער סראָק!
מוז דער זאלאָגאָדאטעל אָטוועטשאיען
און דער פּאָדראדטשיק אנטלויפט מיטן קלאָג.
ער באקומט ווידער א זאלאָג [1], מאכט ווידער א קינץ,
און כאפּט א זאדאטאָטשנע, א פריש ביסל מינץ.

19

עס רוישט אים אין די אויערן פון א גלאָק דאָס געקלינג.
סײַ ווען ער שלאָפט, סײַ ווען ער וואכט.
פּראָשעניע, פּאָניזשעניע ליגט אים אף דער צונג,
פּריסטאווקע, פּריבּאווקע — כאָלעמט זיך אים באנאכט.
א שיקער שרײַבערל מאכט אים וואָלוול די קינץ,
אבי אף פּאָטשט-געלט עטלעכע קאָפּיקעס מינץ.

20

וואָרן אלע פּאָטשט שרײַבט ער בריוו
קיין פּעטערבורג, קיין ווארשע;
אבי פּאָטשט-פּאפּיר, קאָנווערטן, טריף [2]
ער דארף ניט קיין יאָם, קיין פּארשע —
אפן רוסישן טשיסלאָ מאכט ער די קינץ,
אזוי זאלאפּעט ער זײַן ביסעלע מינץ.

21

עס קומט אן עוויען, דאָס בערדל געפּיצט,
אין א גובערנסקע שטאָט צו פאָרן,
מיט א לעדערנעם קישן שוין אָפּגעניצט
און א קאָבריצל פון אַלטע יאָרן,
נעמט אָפּ א סטאנציִע, מאכט א כיינדל, א קינץ [3]
און האָט ניט אין קעשענע א קאָפּיקע מינץ.

22

צעפּאקט א קלומעק. פול מיט שטיוול,
שווארץ און רויט און געל און גרין;
צעלייגט אף דעם טיש טיי, א בריוול
און א פּעקל אמעריקאנסקע טיטין.
טוט א שמיס מיט דער באלעבאָסטע מיט כיין, מיט קינץ,
און לײַט בא איר דערווײַל א רובל מינץ.

23

ער ווײַזט, זײַן שקאטולקע איז איבערגעצויגן מיט טיך
און האָט דרײַ בלאטשלעסער;

1) דאָרטן: ער לויפט ווידער אף א טאָרג.
2) טריף — טריוואקס.
3) אין „קול מבשר״: דאָס איז קיין קינץ.

אינווייניק — נאַ, אינעווייניק ליגט א ריך —
נאָ דארף מען אים באוואָרענען בעסער?
די שליסל פארלאָרן — דאָ העלפט קיין קינץ,
די באלעבאָסטע מוז דערווײַל לײַען דאָס ביסעלע מינץ.

24

אבי ער האָט זיך נאָר ארײַנגעגנארט,
עסט ער שוין אף באָרג;
אזוי זיצט ער עטלעכע וואָכן און ווארט
ביז עס יאוועט זיך א טאָרג.
אָט דאָ לויפט ער און מאכט די קינץ,
מאכט אָפּטרעט-געלט אביסל מינץ.

25

א פּאָטשט, א טאקסע, אן אָטקופּ, א וואלד —
אלץ איז בא אים א סכוירע,
אָט מאכט ער קאליע דעם מאָקעם באלד,
אלע האָבן פאר אים מוירע.
אבי ער פארשטייט נאָר גוט די קינץ,
האָט ער קיין דײַגע ניט מיטן ביסעלע מינץ.

26

דער כאָדאטײַ האָט אויך פײַן פארנאָסע,
קיינמאָל ניט צו זאָרגן;
האָט ער קיין האכנאָסע
ווער וועט אים דען ניט באָרגן?
ווער דארף ניט אָנקומען צו זײַן קינץ?
ווער וועט אים זשאלעווען זײַן ביסל מינץ?

27

איז ער נאָר געוואָרן א קנעפּל
מיט א ספּראווניק, א זאסעדאטעל,
און ער האָט א בעסער (?!) קעפּל [1]
מיט א סאָוועטניק, א פּרעדסעדאטעל.
דארף ער ניט צולייגן קיין גרויסע קינץ —
ער וועט שוין ניט זאָרגן פאר דעם ביסעלע מינץ.

28

ער דארף זיך נאָר אין א פּריסוטסטווע ארומדרייען
מיט א בויגן פּאפּיר אין דער האנט,
און ווי ער וועט א שרײַבערל זייען
זאָל ער זײַן מיט אים באקאנט.
און דאָס איז דאָך ניט קיין גרויסע קינץ,
ווײַלע אלע פארדינען בא אים דאָס ביסל מינץ.

29

א ראטמאן, א איסבאָרשטשיק, א גובערסקי ראָוו
מוזן צו אים אין די הענט ארײַנפאלן;

1) דערדאָזיקער פערז איז געוויס פארגרײַזט.

מע טראָגט אים אסיגנאציִעס רויט און בלאָוו [1]
און האלבע אימפעריִאלן.
איטלעכער דארף א מעלאָכעלע, א קינץ,
און ער נעמט דערפאר דאָס ביסעלע מינץ.

30

איטלעכער, נעבעך, נאָך זיַין פארמעגן,
מוז אים באצאָלן דערפאר;
ער נעמט דאָך ניט פון זיַינעטוועגן —
נאָר פאר דעם סעקרעטאר...
אָט דאָס איז פאָרט די גאנצע קינץ!
עס בליַיבט בא אים דאָס ביסעלע מינץ.

31

דער פעקלמאכער [2] באקומט דאָס געלט
גאָר מיט אן אנדער האמצאָע,
די פינצטערע נאכט איז א ליכטיקע וועלט —
פון טאָג האָט ער קיין האנאָע.
ווי קען מען באטאָג מאכן די קינץ?
ניטאָ דאָס פעקל — ניטאָ דאָס ביסל מינץ...

32

דער פעקלמאכער לעבט געשמאק,
אבי ער איז די גרענעץ איבערגעקומען;
דאָ קומען די קרעמער צו כאפּן דעם פאק —
דאָס איז שוין א גוטער סימען.
צינד האָט ער שוין געקאָנטשעט זיַין קינץ,
און האָט שוין זיכער זיַין ביסל מינץ.

33

צינד הייבט זיך ערשט אָן א וועלט,
מע האקט שוין היטן ציקער;
ציקער און ראָם קאָסט ניט קיין געלט,
ווערט מען אביסל שיקער.
מע עסט, מע טרינקט, מע מאכט די קינץ,
און סע קאָסט א נאכט א היפּש ביסל מינץ.

34

מע הולעט אָפּ די ליכטיקע נעכט,
סאָף כוידעש — ווידער צום פעקל;
דרייט זיך איבער דאָס רעדל שלעכט
און מע נעמט אוועק דאָס זעקל,
נאָ! איז ניט געראָטן די קינץ —
דערלייגט, נעבעך, בראָד [3] דאָס ביסל מינץ.

1) רויטע — צענרובלדיקע, בלאָווע — פינפרובלדיקע.
2) פעקלמאכער — קאָנטראבאנדיסט.
3) די גאליציִאנער שטאָט בראָד איז געלעגן 7 וויאָרסט פון דער רוסישער גרענעץ; פלעגן דאָרט די פעקל־מאכער פארהאנדלען זייערע „פעקלעך“, ד. ה. די קאנטראבאנדע־סחוירע.

35

פון די קאנטאָרן האָט מען ניט צו שמיסן,
בא זיי איז דאָך דער איקער די מאטבייע;
לאָז אײַך באנקערס גאָר ניט פארדריסן,
ווער עס שרײַבט — פרעגט קיינעם קיין דייע.
איטלעכער טוט, וואָס פּאָדערט זײַן קינץ,
איר — זאמלט, לעמאָשל, דאָס ביסעלע מינץ.

36

מע מוז אָבער וויסן, וואָס הייסט א באנקער
צינד אין אונדזערע צײַטן,
אמאָל האָט ער געהייסן א מילינער
און האָט געהאנדלט מיט אויסלאנד פון ווײַטן.
מיט קרעדיטנע בילעטן, מיט ארבעט, מיט קינץ
און האָט פארדינט זײַן פּראָצענט אביסל מינץ.

37

הײַנט שרײַבט מען קאנטאָר נאָר אף דער וויוועסקע,
דער באנקער איז א פּראָסטער בארײַסער,
ער נעמט וועקסלעך בא עוויוינים אף העטער איסקע
און נעמט קיין פּראָצענט, נאָר מײַסער.
אזוי רײַך צו ווערן איז עפּעס א קינץ?
א וווּנדער אזוי צו האָבן דאָס ביסעלע מינץ?

38

א ייִד, וואָס פלעגט מיט א זעקל אין מארק־אומגיין,
און לײַט געלט אף וואָכערס קאבצאָנים —
מאכט זיך א קלייט דערינען צו שטיין
און רופט עס קאנטאָר לעפּאָנים.
פארקאטשעט זיך די הענט, ווי צו מאכן די קינץ,
און ציילט אף א טישל דאָס ביסעלע מינץ.

39

אזוי וויל איטלעכער דאָס ביסל מוירע,
פונעם ראָוו ביז צום בייגלטרעגער.
דער שווינדלער זוכט עס מיט ראמאָעס,
דער ערלעכער מאן מיטן ערלעכן שטייגער.
איינער לערנט א כאָכמע, א קינץ,
אבי צו באקומען דאָס ביסל מינץ.

40

אז וויל איז דעם, וואָס האָט געלערנט באצײַטן,
ער וועט שפּעטער ספּאָקאָינע לעבן;
ער וועט ניט דארפן קומען צו לײַטן,
זיי זאָלן אף ברויט אים געבן.
ער וועט פארשפּאָרן צו מאכן די פאלשע קינץ,
קעדיי צו באקומען דאָס ביסעלע מינץ.

41

מענטשן, וואָס האָבן אין קאָפּ געהירן,
גיבן זיך אין דער יוגנט מי,
. . . . . . . . . . . . . . . . . [1]
און שטייען אוף גאנץ פרי,
זיי לערנען צו ארבעטן מיט פליַיס, מיט קינץ,
און לייגן אוועק דאָס ביסעלע מינץ.

42

סטודענטן ברעכן זיך לאנג די קעפּ
און מוזן עטלעכע יאָרן אָפּזיצן;
גייען ביז צום האלדז מיט די קנעפּ
זומער אין די גרויסע היצן,
זיי זאָלן שפּעטער אמאָל פארשטיין די קינץ,
ווי צו באקומען דאָס ביסל מינץ.

43

ריַיך קאָן קיינער ניט זיַין,
ווער עס איז אין דער ארבעט פויל,
עס פליט קיינעם ניט אריַין
קיין געבראָטענע טויבן אין מויל.
ווער עס וויל אויסקומען אָן ארבעט, אָן קינץ —
דער לאָז אויסקומען אָנעם ביסל מינץ.

44

טאקע דער דאָקטער, וואָס האָט אויסגעשטודירט,
אנטלויפט פונעם עסן געשווינד
אין אן אונטערגעסל פארבלאָטיקט, פארשמירט —
א ייִדענע גייט דאָרט צו קינד.
ער פארקאטשעט די הענט און מאכט די קינץ,
און כאפּט פאר דעם וועג זיין ביסל מינץ.

45

און דעם רויפע, כלעבן, איך בין אים מער מעקאנע,
ווי דעם סיפאק — דער רעקרוט-כאפּער,
ער גייט נאָך דעם דאָקטער מיט דער קאנע,
מיט פיאווקעס און מיטן שנאפּער.
פּיקט און טשעפּעט און שטיפּט מיט קינץ,
און פארדינט גאנץ קאָשער דאָס ביסעלע מינץ.

46

איר לאכט, איר אלע פיַינע בריִעס,
לאכט ניט אויס באלמעלאָכעס;
מיט געלט זיַיט איר גרויסע בעריִעס,
אָן געלט — האָט איר קאדאָכעס.
דער באלמעלאָכע לעבט אָבער פון זיַין קינץ,
און עס פעלט אים קיינמאָל ניט דאָס ביסל מינץ.

---

1) דער אָפּשריַיבער, שמועל הורוויץ, האָט דאָ דורכגעלאָזן א פערז. וואָס ענדיקט זיך, ווארשיינלעך, מיטן וואָרט „שטודירן“.

47

אז אין שטוב איז ניטאָ א שטיקל ברויט,
וואָס קומט ארויס פונעם ייִכעס אף קוואָרעס?
דער זיידע, די באָבע זייַנען שוין טויט,
און די אייניקלעך לייַדן דערוויַיל צאָרעס.
איבער דעם האָבן כאסידים באוויזן די קינץ
צו פארקויפן ייִכעס פאר אביסל מינץ.

48

נאָר ווער האנדלט אזא מעציִע?
עפּעס א רינדאר, א פּאָלישוק,
באם רעבן א זינדל קריִע-בליִע,
אָדער א מויד שווארץ ווי א זשוק.
כאפּט ער און מיינט — ער האָט געוויזן א קינץ,
און גיט נאָך אין בייַטל אריַין אביסל מינץ.

49

דעם רעבנס באָכער איז בא זיך זייער גרויס
און די שווארצע מויד מאכט גרויס כיין... [1]

———

# די פארקערטע וועלט

## האקדאָמע.

אסאך מענטשן שרייַבן ספאָרים;
א טייל — ווייַל זיי זייַנען אָרעם,
ווילן זיי פארדינען עטלעכע ריבל,
איך נעם עס זיי אפילע ניט איבל —
וואָס זאָלן נעבעך טון אָרעמע לייַט?
א טייל ווילן זיך פארטרייַבן די צייַט,
טוט איינער אוף א האמצאָע
אינעם „פּני יהושע” [2], אינעם „הפלאה” [2];
איינער האָט דערפון האנאָע,
אז ער פארענטפערט א הארבן מהרשאָ;
איינער כאפּט זיך צו אנדערע זאכן —
ער וועט א מלאכת מחשבת [3] מאכן;
ער פאלט אף שיינע האמצאָעס
ווי אזוי צו כעזשבענען אף די עצבאָעס,
און ברענגט ארויס א נייַעם קלאל אף כיסער.
אן אנדערער מאכט גאָר א סייפער מיסער,
א טייל האָבן ליב צו שרייַבן שירים
און כידעס אף כאניקע און אף פּורים,
און ווען אייַך אָנשיטן א פולן זאק —
און איטלעכע שורע וועט אָנטרעפן לפ״ק.
איך וויל כאָלילע ניט לאכן
פון אזעלכע זאכן;
עס גייט קיינער ניט אף מייַן וועלט,

[1] דערמיט ענדיקט זיך די אָפּשריפט. ווייַטער הייבט זיך אָן די סאטירע „דער סיים”.
[2] פּילפּל אף טאלמוד.
[3] מלאכת מחשבת—א האנטבוך פאר מאטעמאטיק.

עס מעג איטלעכער שרײַבן, וואָס אים געפעלט:
פשעטלעך, מוסעו׳ אָדער כקירעס,
סוידעס קאבאָלע פון עטער ספירעס,
דיקדוק, שירים און מע׳יצע,
הי׳כעס אָדאָם, הילכעס כליצע,
אף פופציק טויזנט יאָר א לואך
און א פיירעש אף „פתח פתוח״;
דער מעג זיך שרײַבן ספאָרים נײַע,
קאשעס מיט טירוצים אף אָמאר אבאיע,
פערציק טויזנט אף איין ברייסע
און צוויי מאָל אזוי פיל לעובדא דאורײַסא,
און יענער מעג גאָר ווײַזן רײַיעס,
אז דער בארטינורא [1]) איז עלטער פאר דעם מישנײַעס
און ראשע איז געוועזן פאר דער געמאָרע,
און „לעיני כל ישראל״ [2]) פאר „בראשית ברא״.
עס מעג דער כאקרען זיך זעצן און קלערן,
ווי לאנג עס איז געוועזן בא וואשטי אפן שטערן,
וויפל טיטוסעס מייעך האָט געוויגן,
ווהין דער פייגל איז אוועקגעפלויגן,
וואָס איז באם שר אופים [3]) אפן קאָפ געזעסן,
און האָט פארעס צוקערוואַרג געגעסן.
האקלאל די אלע זאכן זאָג איך אײַך פריִער
קערן זיך גאָר ניט אָן אין מיר —
איך בין קיין צענזאָר, קיין באל-מאגיִע,
קיין קריטיקער, קיין רעצענזענט,
איך וויל דערינען ניט האָבן קיין נעגיִע —
קיין מעכאבער זאָל איבער מיר ברעכן די הענט.
איך בין מיר גאָר א פראָסטער באלעבאָס
און שרײַב מיר אָט דאָס-ביכל-דאָס
ניט לאָשן-קוידעש, דײַטש, פראנצויזיש,
ניט טערקיש, טאָטעריש און ניט כינעזיש —
פראָסט יִדיש, וואָס איטלעכער פארשטייט,
פראָסט יִדיש — אָט נעמט און זעט!
צי בין איך אָרעם, צי בין איך רײַך —
דאָס זאָל אײַך גאָר ניט אָנגייען,
צי זאָג איך קרום, צי זאָג איך גלײַך —
אָט דאָס וויל איך איר זאָלט זעען;
און אז איר וועט אין ביכל עפּעס רעכטס געפינען,
זאָלט איר פאָלגן וואָס ס׳שטייט דערינען.
איך וויל באווײַזן, ׳יבע פרײַנט,
(האָט ניט פאריבל, ס׳אזוי די מאָדע הײַנט)
קוים האָט מען איינעם שאָלעם געגעבן,
מע זעט אים דאָס ערשטע מאָל פאר די אויגן —
רופט מען אים פרײַנט, מײַן הארץ, מיין לעבן,
און מע האָט אים גערן מיט גאָלד געוויגן.
עס איז אָבער נאָר מיטן מויל,
עפּעס צו טון — איז איטלעכער פויל,
איידער עס קומט פון דער צונג צו די פינגער,
קען דערווײַל יענער שטארבן פאר הינגער.
„מײַן לעבן״, „מײַן הארץ״, „מײַן בעסטער פרײַנט״—

[1]) א קאָמענטאטאר פון מישנײַעס פון XV י״ה.
[2]) לעיני כל ישראל״ — די שלוסווערטער פון כומעש בערײשיס.
[3]) פון דער ביבלישער יויסעף-דערציילונג.

דאָס גייט דער שמועס נאָר אזוי היינט.
מיילע, בעקיצער, מײַנע אהוווים, נעמאָנים [1],
איך וועל אײַך באַווײַזן מיט עמעסע סימאָנים,
אז די וועלט איז —
עפשער אזוי ווי זי איז,
אָבער ניט ווי זי דארף צו זײַן;
זי מעג אויסזעען נאָך אזוי פײַן
און נאָך אזוי אופגעקלערט —
איז פּאָרט אלצדינג נאָר פארקערט...
האקלאל, מיר געפעלט,
אז עס איז א פארקערטע וועלט.
„א פארקערטע וועלט״? — וועט איר שרײַען —
דער גוטער יאָר האָט אים געבראכט דעם מעכאבער דעם נײַעם.
הערט נאָר עפּעס נײַס! הערט נאָר, הערט!
ער וויל אונדז גאָר ווײַזן, אז די וועלט איז פארקערט!
א געלעכטער, כלעבן, גאָר א נײַער שמיס
גייען מיר ניט עפשער ארוף מיט די פיס?
ארוף מיט די פיס גייט ניט קיינער,
אראָפּ מיט דעם קאָפּ — מער ווי איינער.
און וואָלט די וועלט ניט פארקערט געווען, —
דאָס איז טאקע דער סימען דערדוף —
וואָלט איר אלע מאָל מיט די אויגן געזען,
ווי איטלעכער האָט געטראָגן די קאָפּ ארוף.
ווי געשיקט זיך אָבער — וועט איר זאָגן, —
אף דער וועלט זיך גאָר צו קלאָגן?
ווער האָט עס נאָך ווען געהערט,
די וועלט זאָל מען זאָגן איז פארקערט?
די וועלט? לאָמדים, ראבאָנים, די גרעסטע מענער,
כאכאָמים, בעריעס, גרויסע קענער,
קענען אויסווייניק דעם סמ״ע [2] מיט דעם ש״ך [3]
און קענען די אויסיעס פון גאנץ טאנאך!
די וועלט? צאדיקים, כסידים און ראביים,
באלשעמס, גוטע יידן, נעוויִים
קענען אויסווייניק דעם זוהער מיט דעם „עץ החיים״ [4]
און האָבן גרויס יירעס שאמאִים.
די וועלט? דײַטשן, פראָנצויזן און ענגלענדער
שפּילן אין שאָך, בילאר, קאָרטן און פעדער (?),
קענען אויסווייניק שילערס „גלאָק״
און גייען ניט א טריט אָן א הוט און שטאָק;
א ייִד מיט א גרויסער באָרד, ווי א פּאטריִארך,
א דייטש ראזירט און געפּוצט, ווי א מאָנארך —
אָט די גאנצע וועלט האָסטו אָפּגעקלערט?
ווי אזוי זשע דען דארף מען צו זײַן?...
זייער שיין, זייער פײַן —
דאָס וויל איך טאקע, דאָס איז די גאנצע זאך,
איך וויל ווײַזן, אז איטלעכער אין זײַן פאך,
פראָסטע מענטשן, ווי גרויסע קענער,
קאָנען זײַן אָרנטלעבע מענער,

---

1) אהוווים, נעמאָנים — געליבטע, געטרײַע.
2) סמ״ע — ספר מאירי עינים — א פּיירעש אפן שולכנאָרעך.
3) ש״ך — שפתי כהן, אויך א פּיירעש אפן שולכנאָרעך.
4) קאבאָלע־ספאָרים.

ווען מע זאָל וועלן אכטונג געבן,
ווי אָרנטלעך צו לעבן.
אָבער אז מע קוקט דערפון אוועק —
איז גאָר פון אַלעמען אַן עק!
מע מעג קענען שיווים לעשוינעס
און רעכענען אַלערליי כעזשבוינעס,
מע מעג ציילן אין הימל די שטערן
און טאָג און נאכט זיצן און קלערן,
מע מעג האָבן אַ באָרד אַ ווי רעב אזריִעל קאָזינער,
אָדער ווי א געבוירענער אלט־קאָסניטינער [1],
מע מעג זיַין געגאָלט און געפוצט ווי א טאָק,
מיט לאַנגע הויזן, מיט א קורצן ראָק,
מע מעג קענען גאַנץ שאס מיט אלפעס [2] מיט דעם ר״ן [3]
מע מעג קענען פון וויַזען סידן (!) זשוויף עראן [4] —
און פאָרט זיַין גאָרניט ווערט
און אַלדינג טאָן פארקערט.
וואָס ווערט דערויס, ווען מע לערנט זיך אָן —
דער איקער איז רעכט צו טאָן [5]
אָט דאָס וועט איר אין ביכל זען,
און קעדיי איטלעכער זאָל פארשטיין,
האָב איך דאָס אָף פראָסט יִדיש געשטעלט
און האָב עס א נאָמען געגעבן: „די פארקערטע וועלט״.
ציינד לייענט אַין זעט אַליין,
אויב איך האָב רעכט אָדער ניין.

1

צום ערשטן וויל איך מיט איַיך שמיסן,
מיט איַיך, עלטערן, וואָס האָבן קינדער.
פרעגט איַיער אייגענעם געוויסן,
פרעגט איַיך איטלעכן באזונדער,
אויב איר נעמט גענוג ציַיט
די קינדער צו מאכן פאר לייַט?
דאָס ווייסט די גאנצע וועלט,
אז זיי קאָסטן איַיך גענוג געלט;
איר מאכט זיי קליידער,
איר גיט זיי אין כיידער —
קומט אָבער עפּעס דערפון ארויס?
דאָס מעג איך איַיך פרעגן,
וואָס דער סאָף לאָזט זיך אויס?
דאָס לאָזט איר איַיך פריִער איבערלייגן,
אויב איר האָט ניט דאָס געלט אומזיסט אויסגעבראכט?
אויב איר האָט אויס די קינדער עפּעס רעכטס געמאכט?
דעם עמעס לאָמיר קלערן,

1) אלט־קאסניטין — גאָטלאָבערס געבוירן־שטאָט.
2) אלפס — א טאַלמוד־דערקלערער פון 11־טן יאָרהונדערט.
3) דער ר״ן — רבנו נסים גירונדי, שפאנישער ראָוו אינעם 14־טן יאָרהונדערט.
4) דער „וויַזער סיד״ — דער פראַנצויזישער ראָמאַנען־שריַיבער יעווגעני סיו (1857—1804), וואָס האָט זיך קוינע שעם געווען מיט זיַינע ראָמאַנען „Juif Errant“ (דער בלאָנדזשענדיקער ייִד) און „Mysterès de Paris“. דעדראָזיקער ראָמאַניסט איז געווען באַזונדערס פּאָפּולער בא די האַסקאָלע־שריַיבער. אַבראָהאָם מאַפּו האָט לויט סיוס מוסטער זיַינע העברעישע ראָמאַנען געשריבן. קאַלמען שולמאַן האָט איבערגעזעצט אין העברייִש די „פּאַריזער סוידעס״ פון סיו.
5) לא המדרש עיקר אלא המעשה (באַמערקונג פון גאָטלאָבער).

וואָס קען אויס אײַערע קינדער ווערן,
אז איר פארדארבט זיי אליין
נאָך ווען זיי זײַנען קליין?
די קינד פון א יאָר —
וואָס ווייסט עס דען גאָר?
שרעקט אים שוין די מיטער:
אָט גייט א מאָסקוויטער!
זע נאָר אהער —
אָט גייט א בער!
קומט צוגיין דער קלוגער פאָטער
און סטראשעט אים מיט א קאַץ, מיט א קאָטער.
פריִער שרעקט מען דאָס מיט קעץ,
דערנאָך דערציילט מען אים א מײַסע: אָט גייט א לעץ.
קורץ, איך וואָלט קימאט דערויף געשווירן,
אז פון דער שאָ, וואָס דאָס קינד ווערט געבוירן,
טוט מען מער ניט נאָר מע טראכט,
ווי טאָג אזוי נאכט,
ווו עס איז נאָר א סוואָרע,
צו פאלן אף א האסבאָרע,
און אויסצוטראכטן אזעלכע זאכן,
וואָס זאָלן דעם קינד פכאָדים מאכן.
איטלעכער באזונדער גיט זיך מי
דעם קינד ניט צו לאָזן קיין רו,
דאָס קינד קוויילן,
אים מײַסעס צו דערציילן,
קעדיי ער זאָל אנטשלאָפן ווערן
און זאָל אים ניט שטערן.
איר צעלויפט אײַך אין אלע עקן,
דאָס קינד לאָזט איר איבער אין שרעקן.
אין שלאָף שטעלט עס זיך פאָר ווי געשען,
טאקע ווי עס וואָלט אין עמעס געווען:
אלע לייצים, אלע רוכעס,
די גאזלאָנים, די רעציכעס,
די ריזן מיט די צוועלף קעפּ,
די מעכאשייפעטעס מיט די לאנגע צעפּ,
פון קאָפּ ביז די פיס באהאנגען
מיט פײַערדיקע שלאנגען,
און נאָך אזעלכע זאכן אסאך,
וואָס בא אײַך איז דאָס ניט קיין זאך
צו דערציילן גאָר אָן א צאָל,
כאָטש טויזנט אף איין מאָל.
עס פאלט אײַך גאָר ניט אײַן,
וואָס דערפון קאָן זײַן.
דערפון קומט ארויס,
אז איר ברענגט אײַערע קינדער אויס,
עס ווערט שוואך פון קינדווײַז אָן,
עס דערשרעקט זיך, אז ס'הערט קרייען א האָן,
אז עס טוט בילן א הינט,
אָדער גאָר וויען א ווינט —
שרײַט דאָס שוין געוואלד,
און ווערט גלײַך קאלט.
און וויפל מאָל טרעפט זיך פּאק,
אז עס באקומט טאקע דעם שלאק,

און איר ווייסט גאָר ניט, פאַרוואָס
און פאַר וועמען שרעקט זיך דאָס.
אצינד לויפט שוין דער פאָטער,
לויפן לויפט ער גלייַך צום טאָטער,
נאָר די מוטער, די כאַכאָמע,
די ריינע, קאָשערע נעשאָמע.
זאָגט, אז איר באָבע די פרומע,
האָט איר געלאָזט א צוואָע,
אז פון שיימעס האַטומע
טאָר מען ניט האָבן קיין האַנאָע;
דעריבער שרייט זי: גיי, נעם
בעסער אהער דעם באַלשעם,
ער וועט אָפּשפּרעכן און אָפּלעקן,
וועט זיך דאָס שרעק מעמיילע עקן,
וואָרעם דאָס איז שוין אומעטום באַקענט,
אז ער נעמט צו ווי מיט די הענט.
ווער האַלט ניט פון א קלוגן ראָט?
דער לויפט אויס די גאַנצע שטאָט
ביז ער קריגט די רעכטע מאַטאָנע.
דער באַלשעם גייט און גיט א ווונק —
מע זאָל אים דערלאַנגען בראַנפן א טרונק,
אָדער טאַקע א גאַנצע פלאַש,
וואָרעם ער דאַרף זיך מאַכן קוראַזש.
ער זאָגט דעם אוילעם, ער זאָל זיך היטן,
ער דאַרף אַרויסטרייַבן דעם ניט גיטן,
ער זאָגט דאָרט אָפּ זייַנע האַשבאָעס
און כאַפּט אָפּ עטלעכע גילדן אַף הויצאָעס.
ער מאַכט דאָס גאַנץ געשווינד;
הייסט פאַרלאָזן דעם קינד
א קאָלטאָנע אין די פייעס,
און באַלייגט אים מיט קאַמייעס
צוקאָפּן און צופיסן,
ער הייבט אים אָן וואַקס גיסן.
קורץ, דאָס קינד הייבט אָן ציטעריק צו ווערן,
ער וויל קיין טאַטן, קיין מאַמען ניט הערן,
ווען ער רעדט אויס א וואָרט,
מוז דאָס געשען אַפן אָרט;
טוט מען ניט צוליב אַזוי געשווינד,
אהא! שוין אַן עק פון דעם קינד —
ער פאַרקאָכט זיך שוין אַף עטלעכע מינוט,
די עלטערן טריפט שוין פון האַרצן דאָס בלוט.
מע מוז שוין דעם באַלשעם ווידער געבן א מאַטאָנע,
ער זאָל אים פאַסלענען מיט אביסל האַשטאָנע...
אַזוי פירט איר אייַך מיט די קינדער אוף —
נו, קענען זיי האָבן א גוטן סאָף?

2

איך בין אויך געווען א טאַטנס א קינד,
מייַנע עלטערן זייַנען געווען אויך אַזוי בלינד,
און האָבן מיך אויפגעצויגן...
נאָר וואָס וועט דאָס אייַך טויגן,
אז איך ווע. אייַך דערציילן מייַן מייַסע באַזונדער?

קורץ — זיי האָבן מיך ערצויגן,
ווי איר — אײַערע קינדער.
אז איך בין אלט געוואָרן א יאָר פיר,
איז שוין דער באהעלפער געקומען צו מיר —
ער זאָל מיר וואשן, צוואָגן,
און מיט מיר בראָכע זאָגן;
דאָס איז, כלעבן, ניט שלעכט
און טאקע זייער פײַן און רעכט.
וואָס איז אָבער דערנאָך געשעען,
ווהין האָב איך געמוזט גייען —
ערגעץ אין א פינצטערער שטוב,
וואָס זעט אויס ווי א פינצטערער גרוב,
פארשטונקען און נאס,
אין א הינטערגאס,
עס איז דאָרט ניט געווען קיין איין ריין אָרט —
פול און פול מיט מיסט;
איך האָב ניט געוואָלט זיצן דאָרט,
מע זאָל זי מיר שענקען אומזיסט.
זומער אין די גרעסטע היצן,
האָב איך דאָרט געמוזט שוויצן
פון אינדערפרי ביז אפדערנאכט.
דער באהעלפער האָט מיר מיטאָג געבראַבט,
האלב האָט ער אף דעם וועג אופגעגעסן,
דאָס איבעריקע האָט זיך די רעבעצן פארגעסן,
כאָטש זי איז פליישיק געווען
און מיר האָט מען מילכיקס געבראכט,
און עפשער האָט זי זיך ניט ווייסנדיק געמאכט;
ווי זי האָט עס נאָר דערזען,
האָט זיך עס איר פארגלוסט,
וועד האָט דען דערפון געוווסט,
וואָס זי איז זיך שטילערהייט מאטער ניידער?
איך טאָר דאָך ניט אויסזאָגן אויס דעם כיידער.
אזוי בין איך נעבעך געזעסן,
אין מיר האָט מען גאָר פארגעסן.
הונגעריק און פארשמאכט
זיץ איך אזוי פארטראכט —
ווי נעמט זיך ניט פלוצים דער באהעלפער אהער
און ריטשעט איבער מיר ווי א בער:
קאָמעץ אלעף — אָ!
קאָמעץ בייס — באָ!
און ווי א פײַל אויס דעם בויגן,
האָט ער שוין די לאפּע אויסגעצויגן
און דערלאנגט מיר דאָס דעם גרויסן פאטש:
ארײַן קוק, דו יונגאטש!
איך, נעבעך, האָב מיך ניט געקענט ווערן,
האָב איך מיך באוואשן מיט ביטערע טרערן.
פארוויינט זיץ איך אזוי:
„ארײַן קוק, דו גאָי!"
שרײַט ער ווידער אָן אף מיר
און נעמט שוין דעם קאנטשיק אפיר,
ער האָט מיך געפּאטשט און געשמיסן,
בא די פייעס געריסן,
מיט די ציין געביסן,

און איך זאָל דאָס גאָר וויסן,
פאַר ווען, פאַר וואָס
קומט מיר דאָס?
כוץ קלאָלעס גאָר אָן א צאָל —
עס זאָל נאָר אים געשעען;
וואָס איך האָב אים געווונטשן דאָס מאָל
זאָל אים נאָך הײַנט אָנגייען!...
קורץ, ער האָט אף מיר צעריסן די קליידער,
איך טאָר ניט אויסזאָגן פון דעם כײדער.
בין איך געקומען צו גיין אהיים,
פרעגט מיך די מאמע אף דעם,
וואָס די קאפּאָטע איז צעריסן.
נו, זאָל איך איר דערציילן מײַן פּלאָג,
אז דער באהעלפער האָט מיך געשמיסן
און איך האָב ניט געגעסן דעם גאנצן טאָג? —
מע טאָר דאָך ניט אויס דעם כײדער אויסזאָגן.
הייבט מיר ערשט די מאמע אָן צו שלאָגן;
אָט דאָ האָב איך מיך ערשט רעכט צעוויינט,
און האָב טאקע בעעמעס געמיינט,
אז ווי עס ווײַזט אפּאָנים —
זײַנען דאָ לויטער גאזלאָנים...
אין כײדער בין איך אין אזא ביטערער נויט,
אינדערהיים מאכט מען מיר אויך דעם טויט.
ערשט באַם אויסטאָן צום שלאָפן לייגן,
איז גראָד דער טאטע געשטאנען אנטקעגן,
האָט ער דערזען די סימאָנים,
ווייסט איר ווו? — ניט אף דעם פּאָנים!
אויב איר קענט אײַך ניט שטויסן דערויס,
טוט נאָר אײַערע קינדער אויס,
וועט איר שוין דאָס אייגענע דערזען
וואָס מיר איז געשען...
נאָ, פרעג איך אײַך, איז רעכט
מע זאָל קינדער באהאנדלען אזוי שלעכט?
ווו האָט מען געהערט
א וועלט זאָל זײַן אזוי פארקערט?
גייט נור אין די שולן און זעט,
ווי אזוי עס דאָרטן צוגייט?
נעמט מען דאָרט אויך פון פיר יאָר קינדער
און מע גיט זיי אָפּ צו אזוינע הינטשינדער?
זעט דאָרט א שטוב אויסגעצירט,
אויסגעמאָלט, אָדער ווײַס געשמירט
און זייער ריין געפּיצט.
זעט, ווי איטלעכס קינד זיצט
גראַם אף זײַן אָרט,
און וואָס פאַר קינדער זיצן דאָרט —
אוואדע פון א יאָר אכט;
און מע גייט ניט באנאכט,
מע שלאָגט ניט קיין קינד
און מע מאכט ניט קיין ווינד.
און זעט דאָרט א ווינדער:
קענען דען אײַערע קינדער,
אז זיי גייען פונעם כײדער ארויס,
וואָס מע לערנט אין שול אויס

נאָר דאָס ערשטע יאָר?
זאָג איך עפּשער ניט וואָר?

3

איך בין אײַך אָרעוו,
מײַן ליבער קאַרעוו,
אז א עלטערער באָכער,
וואָס האָט א געשמיסענעם אָכער,
שוין פון א יאָר אכט,
וואָס מע שמײַסט אים טאָג און נאכט —
ער זאָל טרעפן א קאשע ערגעץ
אין , . . . . . . . . . . [1]
און איזבאוועט זיך דאָס געזינד
איבער דעם שארפן שיר —
דער ווייס נאָך ניט ווי א קליין קינד,
אז צוויי מאָל צוויי איז פיר.
קען ער דען שרײַבן צוויי שירעס
כאָטשבי אף ווירעס,
רוסעש צי פּוילעש, כאָטש פּראָסט יידיש?
און איר פּירט זיך אזוי נעגידיש
און צאָלט פאר אים ווי א גרויסער מאן —
צוואנציק קערבלעך א זמאן.
איז עפּשער ניט נייטיק רעכענען, שרײַבן,
קאָן מען אויך אָן דעם א מענטש בלײַבן
און אָרנטלעך לעבן אף דער וועלט?
עפּשער דופּעט איר [2] אף אײַער געלט,
וואָס איר וועט אים לאָזן יערושע?
פּע, ווי האָט איר ניט קיין בושע!
ווער וועט אײַך דען גוטשטייען,
אז דאָס געלט וועט זיך ארומדרייען
בא אים אליין ביז אײַער טויט?
איר קענט נאָך אליין
אויך זײַן זייער געמיין
און כאָלילע זײַן אין א נויט.
ווער קען וויסן דעם עק, —
געלט איז קײַלעכדיק און קײַקלט זיך אוועק.
נאָך דעם פּײַנעם ליבן כיידער
קען נאָך בעלי ניידער,
אײַער זון אין די הײַזער גיין.
דינען וועט אים ניט אָנשטיין,
צו עפּעס בעסערס וועט ער ניט טויגן —
איר האָט דאָך אים אזוי דערצויגן.
האקלאל, ליבע יידן, פאר ווער מען
זאָל איך מיך דאָ שעמען?
איר ווייסט אליין, יידישע קינדער,
איטלעכער פון אײַך באזונדער,
אז איר זײַט אלע כאיאָווים,
ווען אײַערע קינדער ווערן גאנאָווים,
אָדער קאבצאָנים, אָדער מעקובאָלים,

---

[1] דער פּערז פעלט אין מאנוסקריפּט.
[2] פארלאָזט איר זיך.

פעקלמאכער, פאַקטוירים.
בלויז אייניקע לאָזן זיך אַמאָל אוועק
און קומען צוריק דאָקטוירים...

4

פרעגט נאָר יענעם יונגנמאַן,
פאַרוואָס גייט ער אין די הײַזער אַרום?
לאָז ער זײַן אַ מעשאָרעס — כּלעבן — ער קאָן,
ער איז ניט בלינד, ניט שטום, ניט קרום,
בלוט און מילך מיט רויטע באַקן,
ער קאָן, כּלעבן, האָלץ האַקן,
די אייוון הייצן, וואַסער טראָגן,
פערד אָנטרײַבן, שמירן אַ וואָגן.
ער איז אָבער צו אַלדע ריכעס,
אימעשטיינס געזאָגט, אַ גרויסער ייִכעס:
זײַן זיידע האָט ווײַבער געבענטשט, קוויטלעך גענומען,
זײַן פעטער איז אַף קידעש האַשעם אומגעקומען,
זײַן טאַטע איז אויך געווען אַ צאַדיק יעסאָד אוילעם,
ער שווערט, אַז זײַן טאַטע האָט געמאַכט אַ גוילעם,
ער אַליין האָט אויך צו גאָט אַ טײַנע,
ער מאַכט פון זיבן ריטלעך אַ הוישײַנע
און שאָקלט מיטן לולעוו פון אַלע זײַטן,
ווי זײַן מישפּאָכע איז זיך נויהעג פון אַלטע צײַטן.
קורץ — אַ מעשאָרעס צו זײַן איז פאַר אים ניט שיין,
דעריבער מוז ער אין די הײַזער אַרומגיין.
ווער איז אים אָבער שולדיק דערינען,
וואָס עס איז אים מער ניט אין זינען,
נאָר דער נאַרישער ייִכעס טאָג און נאַכט,
און גייט, נעבעך, אַרום אַזוי פאַרשמאַכט?
דורך זײַנע אייגענע פאָטער און מיטער
איז אים צינד אַזוי ביטער.
פון קינדווײַז אָן
האָט מען נאָר געזעען
אים געבן צו פאַרשטייען —
ער איז פון דער גילדענער פאָן;
ייִכעס האָט ער אַ גאַנץ פּעקל
און קומט אַרויס פון רעבן רעב שמעקל.
און דאָס פאַרשטייט זיך שוין מיסטאָמע,
אַז ער האָט אַ טײַערע נעשאָמע.
און קעדיי עס זאָל אים כאָלילע
צו דער נעשאָמע ניט שאַטן,
האָט דער רעבע געזאָגט אַ סגילע
זײַן קאָשערן טאַטן:
ער זאָל אים ניט לערנען ניט לייענען, ניט שרײַבן,
וועט ער אימירצעהאַשעם אַ ערלעכער ייִד בלײַבן.
מיילע, דער יונגערמאַן, דער קאַפּצענעוואַטע,
קען זיך ניט זײַן בעסער ווי זײַן טאַטע,
פון קינדווײַז אָן האָט ער מערניט געזען
נאָר טאָג און נאַכט ליידיק אַרומגיין.
ווען מע האָט אים שוין געגעבן אין כיידער,
ווייסט איר דאָך שוין, ווי ס'איז דאָרט דער סיידער,
ער האָט זיך געשפּילט אין דער מיסט,

און דער פֿאָטער האָט געצאָלט אומזיסט.
אז ער איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר,
האָט ער פּלוצים אָנגעהויבן כומעש גאָר,
וואָס איז אײַך דאָ קאָשע?
ער האָט שוין געזאָגט א דראָשע,
באם פֿאָטער איז שוין אפּילע געווען אין דער סוואָרע,
אז ער מוז שוין אָנהייבן טאקע געמאָרע,
און א קלוגער ייִד האָט אים געגעבן אן אייצע:
דער מעלאמעד זאָל מיט אים אָנהייבן מעטיכטע בייצע,
ווײַל, איך ווייס — דאָס קינד איז נאָך ייִנג,
וועט עס זײַן פֿאר אים גרינג;
א הינדעלע און אן אייעלע — שיינע זאכן,
ס׳איז גוט א פֿײַן שפּילעכל צו מאכן.
נאָר די רעבעצן האָט אײַנגעראָמט דער מאמע,
אז ס׳איז בעסער אָנצוהייבן מעטיכטע באָבע קאמע.
איך ווייס ניט וועמען מע האָט צוגעהערט,
נאָר עס האָט ניט לאנג געווערט,
ווען מײַן טאכשיט האָט שוין אָנגעהויבן געמאָרע:
„שור שנגח את הפרה״,
און באַלד נאָכדעם אין א גוטער שאָ —
א טויספֿעסל מיט א שטיקל מארשאָ.
עס זאָל זיך אימעצער געווען דערוועגן
דענסטמאָל זײַן טאטן צו פֿרעגן,
פֿארוואָס ער האָט ניט בעסער האשגאָכע —
זײַן זון זאָל עפּעס קענען א מעלאָכע?
אוי וויי! וואָלטן דאָ פּעטש געפֿלויגן,
ער וואָלט אים אויסגעריסן די אויגן,
„אזעס פּאָנים! — וואָלט ער געשריִען — כ׳לעבן,
דאָס וועט נאָך קיינער ניט דערלעבן,
עס זאָל געשעען אזויגע רעציכעס,
אז מײַן זון, דער גרויסער ייִכעס,
גאָט זאָל אזעלכע מערן,
זאָל כאָלילע א שנײַדער ווערן״.
מיילע, בלײַבט ער בא דער געמאָרע.
קען עס אים עפּעס העלפֿן אין א צאָרע?
וואָס נוצט אים אינעם גרויסן דאלעס,
אז ער קאָן „שנים אוחזין בטלית״?
ער וועט דערפֿון ניט האָבן קיין ברויט
אין א ביטערער נויט,
אזויגע מעלאמדים און רעבייִים איז שוין דאָ ווי מיסט,
עס דארף זיי קיינער אפּילע אומזיסט.
בעסער וואָלט ער א שוסטער, א שנײַדער געווען,
וואָלט ער פֿארשפּאָרט אין די הײַזער גיין.
אָט דאָ זעט, ווי די וועלט איז בלינד,
און מאכט פֿארקערט אין אלע זאכן;
איטלעכער וויל פֿון זײַן קינד
אנדערש ניט, נאָר א ראָוו מאכן.
וואָס זשע קומט דערפֿון ארויס?
קענען דען אלע זײַן ראבאָנים?
איינער לערנט זיך קלוימערשט אויס,
די איבעריקע בלײַבן קאפּצאָנים.
און טאקע דער, וואָס איז שוין ראָוו געוואָרן,
איז ער שוין א ווײַלער יונג מיט שפּאָרן?

אין וואָס באשטייט זײַן גאנצע מײַלע?
וואָס ער קאָן פאסקענען א שײַלע...
וואָלט א ראָוו געלערנט עפּעס רעכטס:
ייִדן צו וואָרענען פון שלעכטס,
זיי זאָלן גיין בעדערעך האיאָשער,
דער האנדל זאָל זײַן בא זיי קאָשער,
ער זאָל ארײַנלייגן אין פארשטאנד,
וואָס עס באטײַט פאָטערלאנד,
ווי אזוי מיט דעם גאנצן לעבן
דעם קייסער שעל כעסעד זײַן איבערגעבן,
ווי אזוי עס איז כויוו אף איטלעכן ייִדן
מיט דעם קייסערס זאקאָנעס זײַן צופרידן.
ווי הייליק זיי זײַנען די געזעצן פון דער מעדינע,
ווי די געמאָרע זאָגט: „דינא דמלכותא דינא".
וואָלט דער ראָוו געלערנט דעם אוילאָם אלע צײַט,
ווי די קינדער צו מאכן פאר לײַט;
ער זאָל מיט רעכטע מעלאמדים די שטאָט פארזעען,
זיי זאָלן עפּעס כאָכמעס און לעשוינעס אויך פארשטייען,
און מע זאָל לערנען ווידער באזינדער
פארשיידענע מעלאָכעס קינדער.
אָט דאָס וואָלטן געהייסן ראבאָנים,
עס וואָלט געהאט פאר לײַט א פּאָנים!
א ראָוו מיט א מילכיקן לעפל, מיט א פליישיקן טאָפּ —
אזא ראָוו גייט מיר ניט אין מײַן קאָפּ.
שײַלעס פאסקענען איז ניט קיין גרויסע זאך,
דאָס קאָנען מעלאמדים, לאָמדים אויך אסאך...
אף אזעלכע זאכן
דארף מען קיין ראבאָנים ניט מאכן;
באם ראָוו, דעם קאָפּ פון דער שטאָט,
דארף מען זוכן א גוטן ראָט,
בא אים דארפן געפינען ראכמאָנעס
אָרעמע יעסוימים מיט אלמאָנעס;
ווער עס דארף טרייסט — דארף אים באניצן,
באם קראנקען בעט דארף ער זיצן,
מיט אים איניינעם טרערן פארגיסן,
אים שטארקן מיט מוסער, מיט דיוורע טוירע,
ער זאָל ניט פארגעסן אין לעבעדיקן בוירע.
ער דארף אים צו פארשטייען געבן,
אז די נעשאָמע וועט אייביק לעבן,
אז ער וועט קומען אף א ליכטיקע וועלט,
ווו דאָרט קאָן מען ניט זײַן פארשטעלט.
אזוינע זאכן
דארף א ראָוו מאכן!
וואָס ניצט מיר זײַן כיינדל
באם צובראָכענעםביינדל,
און ווי ער איז מעסופּעק
אויב די שפּילקע אין פּופּעק
איז ארײַן אָדער ארויס מיט דעם קעפּל?
אויב עס איז געווען א שטשערב אין טעפּל?...
ווייס איך! זאָגט אײַך וואָס אײַך געפעלט,
מיר דאכט, אז עס איז א פארקערטע וועלט...

5

איך בין אמאָל אין א קלײן שטעטל געװען,
האָב איך געזען אן אוילעם גײן,
אינמיטן איז געגאנגען אײנער —
א גוטער ייִד, א טײַערער, א שײנער.
איר װײסט דאָך, װאָס דאָס זײַנען פאר מענטשן,
װאָס לײגן די הענט אפן קאָפּ און בענטשן;
דאָך קעדײ איטלעכן צו דערקענען
און באם רעכטן נאָמען אים צו נענען,
האָב איך מיך צװישן זײ סימאָנים געמאכט.
א גוטער ייִד בײזערט זיך טאָג און נאכט,
א טײַערן דערקענט מען אף אן אנדער אויפן —
מע קאָן אים פאר א טרונק בראנפן קויפן,
א שײנער האָט א באָרד א קאָלטענעװאטע
און איז דערצו אביסל סמארקאטע.
און װײַל דער האָט געהאט אלע מײַלעס אינײנעם,
רוף איך אים — א גיטן, א טײַערן, א שײנעם.
ער האָט געהאט א בײַכל מיט א פעטן קארק
און איז געגאנגען אין זײַדנװארג,
אזוי װי דער שטײגער איז פון א פײַנער בעריע,
אין א רויט פאסקעלע א װײַסע מאטעריע.
דער קאפטן איז געװען אנדערש גענײט,
די ארבעל צעשפּאָלטן, די פאסקעלע אינדערברײט.
איך האָב מיר געמאכט א מינע,
גלײַך איך בין פון א פרעמדער מעדינע.
װאָס מע זעט דאָרט גאָרניט אזעלכע לײַט,
און װײס ניט, קלוימערשט, װאָס דאָס באטײַט.
איך האָב גאָר ניט לאנג געװארט,
האָב מיך צו א כאָסידל צוגעשארט,
װאָס איז געגאנגען אין א קאפטן לויטער לאטעס,
אין פארדריפּעטע זאָקן מיט אויסגעריסענע פּיאטעס.
איך גײ אום אזוי איבער דעם װעג
און טו אים פּלוצים א פרעג:
מײַן ליבער ייִד, זײַט אזוי גוט,
שטײט נור, איך בעט אײַך, אײן מינוט,
זאָגט מיר, װער איז דער מעכיטן,
װאָס גײט דאָרט אינמיטן?
דער כאָסיד האָט געעפנט מויל און אויערן
און האָט מיך געװאָלט מיט די אויגן דורכבויערן.
„װאָס — זאָגט ער — עפּעס פרעגט מיך אימעצער?
הא, שטײ! דו קענסט ניט דעם מיקיטניצער?"
— א מיקיטניצער איז עפּעס א װילדע כײַע?
— הא? א װילדע כײַע? הערט נור, ברידער!
דער כאָסיד האָט געװאָלט מאכן א גאנץ גערידער,
איך האָב אים גיך בא דער האנט גענומען
און האָב אים אָפּגעשטעקט עטלעכע גראָשן מעזומען.
צינד האָט ער גאָר אן אנדער מינע געמאכט
און האָט שוין גאָר צו מיר געלאכט.
איך האָב זאָגט ער, טײקעף דערקאָנט,
אז איר זײַט ניט פון אונדזער לאנד.
איר זענט אװאדע, װעדליק מײַנע מעװינעס,
פון די גאנץ װײַטע מעדינעס,

דאָרט, ווּ איבער די ביטערע גזיירעס,
מוזן ייִדן טועֿן אוויירעס,
מוזן די קינדער געבן אין די שולן,
און טאָרן זיך, נעבעך, די קעפּ ניט גאָלן.
דאָ דערקען איך אין אײַערע קליידער גלײַך,
וואָס פאר א גאָלעס עס איז בא אײַך:
קורצע קליידער, ווי פראנצויזן,
און דערצו, נעבעך, לאנגע הויזן;
און די באָרד (אוי א גרויסער פּגאם!)
נעמט איר אוואדע אראָפּ מיט א סאם
מינאסטאם!
נאָר דאָס איז נאָך נישקאָשע,
דערמיט איז אַ ייִד, כאָלילע, קיין ראָשע.
אזוי האָב איך טאָמיד געהערט פונעם אלטן.
נאָר דערמיט בין איך ניט צופרידן,
וואָס איר ווייסט ניט פון א גוטן ייִדן.
א גוטער ייִד — זאָג איך — דאָס איז אן אנדער זאך,
דאָס איז בא מיר ווערט געלט אסאך.
נאט זשע אײַך א מאטבייע א ווײַסע
און גיט מיר צו פארשטיין, וואָס איז דאָס פאר א מײַסע?
וואָס איז זײַן גוטסקײַט, העט איך גערן געוויסט?
ער שווײַגט אוואדע, אז מע שעלט אים אומזיסט?
איך וועל אים, לעמאָשל, געבן א זעץ מיט א דריק,
וועט ער מיך ניט שלאָגן צוריק?
— אוי, גייט שוין גייט! וואָס האָט איר דאָ גערעדט?
כ'לעבן, מיר דאכט, איר מאכט פון מיר געשפּעט!
א גוטער ייִד איז פון דער וועלט דער אויר [1],
א גוטער ייִד איז א צאדיק האדויר!"
א צאדיק — זאָג איך — דאָס ווייס איך גאנץ רעכט,
פון א צאדיק ניט צו וויסן איז א שאנד,
מיר זײַנען, כאָלילע, אויך ניט אזוי שלעכט,
בא אונדז זײַנען אויך דאָ צאדיקים אין לאנד.
מיר דאכט — איר זײַט גאָר גענארט,
א צאדיק דארף זײַן אויסגעדארט
פון מיקוועס, סגולעס און סיגופים,
פון טאנייסים עטלעכע טעג רעצופים,
א טייל פאסטן מעשאבעס לעשאבעס
און גייט נאקעט און באָרוועס מיט צעריסענע סקראבעס.
אַף אײַער צאדיק, זאָל לאנג לעבן,
איז גאָר א טײַנעג א קוק צו געבן:
ער גייט דאָך אָנגעטאָן, ווי סראָרע,
און אויסגעהאָדעוועט, ווי א קאפּאָרע.
דאָ בין איך אנטלאָפן ווײַט אוועק
און האָב אויסגעשפּיגן דרײַ מאָל קלעק.
דער כאָסיד האָט מיך פאר מעשוגע געהאלטן
און האָט מײַן געלט אין קעשענע באהאלטן.
איצט פרעג איך אײַך, איר, ייִדן קלוגע,
בין איך אן עמעס מעשוגע?
הייסט דאָס א צאדיק — געפּאשעט ווי א ביק,
און וויל פאר זיך דאָס גרעסטע גליק:
גאָלד, זילבער, גרויס אשירעס,

[1] דער אויר — דאָס ליכט.

קאַרטעס, פערד, טײַערע דירעס,
וואָס נעמט בא אלע צו דאָס געלט?
איז דאָס ניט א פאַרקערטע וועלט?
איך האָב אַליין א גוטן ייִדן געקענט,
וואָס האָט גאָר די וועלט געברענט,
ער איז שוין געווען א ייִד אין די יאָרן,
פון גאָר דער וועלט איז מען צו אים געפאָרן,
מענער, ווײַבער, קאַפּצאָנים, נעגידים,
לאָמדים, ראַבאָנים, באַלעבאַטים, כסידים —
אלע האָבן זיך געשלאָגן דורך טיר און טויער
הערן דעם רעבן זאָגן זויהער,
זעען דעם רעבן אין מיקווע גיין,
זעען דעם רעבן פאַרן אָמעד שטיין,
הערן אים קידעש, האַוודאָלע מאַכן,
און נאָך טויזנט אנדערע זאַכן.
רעגן, שניי, וואַסער צו די מילן
האָט ער געהאַט טאָמיד צו פאַרקויפן.
האָט א ייִדענע אָנגעהויבן דאָס קינד צו דערפּילן,
איז זי געקומען צום רעבן צו לויפן;
איז איינע געגאַנגען שווער צו קינד,
האָט מען געבראַכט דעם רעבן אַף א פּידיען געשווינד;
האָט איינע גאָר ניט געהאַט קיין קינדער,
איז זי געקומען צום רעבן נאָך א ווינדער,
ער זאָל איר א זון, א טאָכטער געבן;
איינע איז געקומען — די קינדער זאָלן איר לעבן,
ייִדענעס זײַנען געקומען צו קלאָגן דעם סאָטן
דער בראַנפן איז אין .... [1] ניט געראָטן.
דער רעבע האָט זיך דערווײַל מיט געלט געזען,
און איטלעכן צוגעזאָגט זײַן באַקאָשע זאָל געשען.
מיט וואָס האָט דאָס אַלצדינג דער רעבע געמאַכט?
מיינט איר, ער האָט מיט טפילעס פאַרבראַכט,
זײַן פולקע געדויכערט און געהאַט נעקיִעס,
און האָט פאַרן דאַוונען געמאַכט גרויסע שיִעס?
ער האָט אָפּגעדאַוונט גיך און געשווינד
און אלע טאָג געווען סאַנדעק בא א קינד,
און האָט דרײַ מאָל אין טאָג אַף סודעס-מיצווע געגעסן,
טרינקען האָט ער אוודע אויך ניט פאַרגעסן,
דערנאָך האָט ער זיך געלייגט שלאָפן,
זײַן בעט איז געשטאַנען צווישן דאָרעם און צאָפן.
דאָרט האָט ער מעקאַוון געווען די גרויסע קאַוואָנעס,
דערפאַר האָט אים די וועלט געגעבן מאַטאָנעס.
אצינד זאָגט, איך בעט אײַך, זאָגט און שווערט:
איז די וועלט ניט פאַרקערט?...

## רעב איציק געֶר

(פראַגמענט)

אין א ווינקעלע, אין בעסמעדרעש, בא די כסידים,
סאמע צווישן אלע גרעסטע נעגידים,
שטייט רעב איציק גער אײַנגעבויגן דעם רוקן,
צעבראָכען, צעלאָמעט פון בויגן און בוקן,

[1] ניט דײַטלעך דאָ איין וואָרט.

מיט גרויסע טפילן אפן קאָפּ און אף דער לינקער האנט,
איינגעוויקלט אין טאלעס, מיטן פּאָנים צו דער וואנט,
און שרײַט און ווארפט זיך פון אלע זײַטן,
ווי גוטע ייִדן פלעגן זיך צוווארפן פארצײַטן.
מע זעט שוין ניט אזוינע אין אונדזערע יאָרן,
און דאָס איז אינגאנצן זייער כעסאָרן.
אינעם איבעריקן זײַנען די הײַנטיקע מיט די אלטע גלײַך:
זיי נעמען אוף פּידיוינעס פון אָרעם און פון רײַך,
דיקיטשען זײַן ליבן נאָמען באם אופשטיין און באם לייגן,
באלד דארפן זיי דעם שליסל פון קינדער, באלד פון רעגן,
און קריכן די מאלאָכים ארײַן אין די גארגערעס,
פארדינגען ארענדעס — און מאכן מעובערעס...

———

מיט רעב איציק גער, געבוירן אין אונגערן לאנד,
מוזן מיר ערשט פריִער אביסל ווערן באקאנט,
איידער מיר דערציילן ווײַטער אונדזער מײַסע,
ווי עס האָט זיך גענומען א גער צווישן די ווײַסע;
וואָרעם איך האָב אײַך פארגעסן צו זאָגן קעסיידער,
אז ר׳ איציק גער גייט אין ווײַסע קליידער,
אויך נעמט ער קוויטלעך און בענטשט ווײַבער;
אף די קוויטלעך צו שרײַבן האלט ער אפילע א שרײַבער,
נאָר אף ווײַבער בענטשן דארף ער קיינעם ניט האלטן —
דאָס האָט ער גוט געלערנט באם צאדיק באם אלטן;
אז איך זאָג „דעם אלטן״, מיין איך דעם סטאָלינער רעב אָשער,
איטלעכער ווייס, ווי פרום ער איז געווען, ווי קאָשער.
צו רעב אָשערל סטאָלינער, צו כאנוקע־ליכטלעך בענטשן,
ווען די שטוב איז געווען פיל און פול מיט מענטשן,
און רעב אָשערל האָט דערציילט ניסים וועניפלאָעס
פון אלטע צאדיקים גוזמע גוזמאָעס,
וואָס דער נעס פון כאנוקע און דער נעס פון פורים
זעען אויס אקעגן זייערע — ווי קאפּצאָנים אקעגן אשירים, —
צו רעב אָשערל סטאָלינער, זאָג איך, אום כאנוקע אין דער נאכט,
האָט א שליטעלע אמאָל אן אָרעמאן געבראכט;
פון וואנען דאָס שליטעלע האָט זיך גענומען,
פון וואנען דער אָרעמאן איז אָנגעקומען —
דאָס האָט קיינער ניט געוווסט א לאנגע צײַט,
נאָר לאָמיר דאָס דערווײַל אוועקלייגן אף א זײַט.

דער אָרעמאן איז ארײַנגעקומען צום צאדיק, צום קארלינער,
אין א ספּאָדעק אן אלטן און א קאפּאָטע א גרינער.
אין א . . . . . . . אין שיך און זאָקן,
אליין האָט ער אויסגעזען ווי אן אָפּגעטעסעטער פלאָקן,
הויך און לאנג, און דאר, ווי א שפּאָן,
און פאר קעלט האָט אים געקלאפּט א צאָן אָן א צאָן.
קוים האָט רעב אָשערל אים שאָלעם געגעבן,
זאָגט דער אָרעמאן: מײַן ליבער רעבע לעבן,
בעט מיר צו נעמען פאריבל ניקס,
איך אײַך מאך אף גויעש א קניקס,
איך געוועזן פארפירט און בלינד,
איך ניט לאנג געוואָרן א יידיש ק׳ינד,
הײַנט איך בין, ווי איר זענט אלע,
מיך אפּטער ראָוו געוועזן מאלע.

און ווי ער רעדט די ווערטער אויס,
נעמט ער פון דער קעשענע א בריוו ארויס,
דעם בריוו האָט געשריבן דעם אפטערס סויפער — רעב מעשעל,
און אונטערגעכאַסמעט: אווראָם יעהוישוע העשעל [1]
דאָרט שטייט געשריבן ווי מוכ״ז [2] דער גער צעדעק.
איז געקומען קיין מעזשיבוזש אָרעם און ליידיק,
אָרעם אין מיצוועס און ליידיק אין געלט,
ווי דער אפטער ראָוו האָט פון אים אָנגעקוועלט,
ווײַל ער איז פון אונגערן צו אים געקימען,
ער זאָל אים מאכן אינעם לײַב א סימען,
ער זאָל אים האָבן אף אייביק צו געדענקען,
און זאָל נאָך זײַן אוילעמהאזע קיינמאָל ניט בענקען;
קורץ — ער איז אין מעזשיבוזש א ייִד געוואָרן
און פון דעמלט אָן האָט ער אָנגעהויבן צווישן ייִדן צו שנאָרן.
רעב אָשערל האָט דעם בריוו געלייענט עטלעכע מאָל,
האָט באלד געלאָזט רופן צו זיך גאנץ קאָהאָל,
און איידער דער קאָהאָל איז צענויפגעקומען,
האָט ער דעם גער אף א זײַט גענומען
און האָט מיט אים א שמיס געמאכט,
וואָס אים האָט דערצו געבראכט,
און ווי האָט ער גענומען אזא האוואָנע
צו דערקענען די עמעסע עמונע.
דער גער הייבט זיך אָן די בערדל צו גלעטן
(ער האָט שוין אין דער ייִדישקײַט א בערדל געקריגן)
און שטרעקט ארויס א צונג ווי אף צו שפעטן
און דרייט מיטן מויל ווי א הונט כאפט פליגן,
ווײַל ער ווייסט נאָך אין ייִדישן ניט פון זײַן כאיעס,
מוז ער באם ריידן מאכן האוואיעס.
רעבע, זאָגט ער, כאָטש איך אין אונגערן געבוירן,
איך רעד פוילעש ווי א פוילן געשווירן,
ווײַל איך אין פוילן געוועזן אסאך,
איך אין ווארשע געשעפטן געמאך,
נאָר ייִדיש איך ניט רייד דאָסקאָנאלע,
זיך ערשט א האלב יאָר מיך געוועזן מאלע,
דעריבער איך אײַך דערצייל מיט א לאָשן א שלעכט,
איר מיך אָבער הער צו, שטעל אוף אויערן רעכט:
איך געוועזן א פאן כאָראָנזשע,
איך געהייסן פינפינאָפּאָנזשע.
מיר גערופן וועלמאָזשנע פאניע,
בא מיר געוועזן רענדאר רעב מאָניע,
איך געוועזן גרויסער מאָנארך,
אים גערופן: זשיד פארך,
ווער געוועזן מיר זאווּשע [3] זאָג:
פאן כאָראָנזשע, א גרויסע קלאָג,
וואָס איר ניט א ייִד געבוירע —
א גוטע קאָפּ צו לערנען טוירע...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

---

1) דעם אפטער רעבעס נאָמען.

2) מוכ״ז — מוסר כתב זה — דער איבערגעבער פון דעם בריוו.

3) זאווּשע—שטענדיק.

# מײַן ליד

איך בין א ייִד,
איך בין זייער מיד,
איך לויף שוין צוויי טויזנט יאָר ארום.
געשלאָגן—געפּלאָגט,
געטריבן—געיאָגט,
בין איך שוין געווען אומעטום.
איך זאָל נאָר וויסן פאַרוואָס מיר קומט דאָס
אזוי צו לײַדן גאָר אָן אן עק,
כאַריפּעס, בושעס, אָן שיר, אָן מאָס,
און אלערליי קלעפּ און שלעק...
רעבוינע שעל אוילעם, הארציקער פאָטער!
האָב ראַכמאָנעס אף דײַנע קינדער,
מיר זאָלן שוין ווערן פון גאָלעס פּאָטער,
באווײַז דײַנע גרויסע ווינדער...
קום איך קיין קיִעוו 1),
בין איך מעכיִעוו
באלר צו ווײַזן מײַן פּאַס;
א מינדסטער פּארך
זויגט מיר אויס דעם מארך
און כאַפּט מיך אוף אין מיטן גאַס,
א טשאסטני פּריסטאוו גאָר אָן בושע
פאַרלאנגט פון מיר איך זאָל אים געבן געלט,
גלײַך איך בין זײַן טאַטנס יערושע
און גיי ארום אף זײַן וועלט.
רעבוינע שעל אוילעם, צי געפעלט עס דיר,
אז ייִדן זאָלן זײַן ווי דאָס ווילד אין וואלד?
הארציקער פּאָטער — טו זיך א ריר!
און לייז דײַנע קינדער פון גאָלעס באלד!
אין פּעטערסבורג אויך
דארט מיר דער מויעך,
ווי באקומט מען פון א באלמעלאָכע א וויד.
וואָס גייט עס אים אָן
וואָס איך בין א גאָען, —
א שוסטער מוז איך זײַן — איך בין א ייִד.
עס גילט קיין כאָכמע, עס גילט קיין טוירע,
איך דאַרף ניט זאָגן: איך בין דער און דער,
דאָס איז בא אים גאָר קיין סכוירע —
עס גילט נאָר דער אײַזן מיט דער שער.
רעבוינע שעל אוילעם! צי ווילסטו אזוי,
אז אלע ייִדן זאָלן זײַן שנײַדער און שיסטער?
וואָס בין איך ערגער פון א גוי,
איך האָב פּאָרט א קאָפּ פון א מיניסטער...
א ייִד מאַכט ניט קיין מערידע,
ער איז דעם קייסער מיט דעם לעבן טרײַ,
א ייִד קען איבערטראָגן אן אבידע,
אמאָל א קלאַפּ אויך דערבײַ;
וואָס ווילט איר האָבן פון זײַן לעבן?
דאָס, וואָס קומט אים טאָמיד לויטער צאָרעס,
איר ווילט קיין רו אים גאָר ניט געבן

1) וועגן דער רעכטלאָזיקייט פון יידן אין קיעוו האָט גאָטל נר פאַרפאַסט א ספּעציעל ליד „דער ייִד אי קיִעוו", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די „היסטאָרישע שריפט פון ייוואָ, 611—622.

און שלאָגט מיט אים קאפּאָרעס.
דאָ ניט שטיי
דאָרט ניט גיי,
אהין זאָל ניט קומען דײַן פוס ארײַן;
דאָ ניט האנדל,
דאָרט ניט וואנדל,
און זײַ גוט און פרום און וויל און פײַן.
ווי זשע קאָן מען דאָס אלעס מאכן,
און לעבן וויל מען — מע איז ניט פון שטיין,
איז אײַך מעגלעך אזעלכע זאכן,
באווײַזט דאָס אונדז פריִער אליין:
האָט אויך קיין גיטער, קיין באשטענדיק אָרט,
און טאָרט ניט ווינען אומעטום,
גלויבט מיר, כלעבן, אף מיין וואָרט —
איר וועט אויך ניט זײַן גוט און פרום...

## איש כאָסיד

(ערשטער וואריִאנט)

אמאָל איז געווען א כאסידינע
אָן א פּיסנע שטיִקל ברויט,
עס האָט אף אים גערוט די שכינע, } 2
וואָס העלפט עס (אָבער)[1] אין א נויט. } 2

———

די שכינע איז אוואדע גוט און שיין,
אז ס'קאָכט זיך עפּעס אין טאָפּ;
אז מע האָט ניט צו קײַען מיט די ציין, } 2
איז די שכינע (אויך) ניט אין קאָפּ. } 2

———

א ווײַב האָט ער געהאט א צנוע
און פינף קינדער אלע גרויס;
דאָס ווײַב איז געגאנגען קרוע בלוע, } 2
די קינדער (נעבעך) נאקעט און בלויז. } 2

———

אמאָל האָט דאָס ווײַב געזאָגט צו אים:
וואָס ליגסטו, קאפּצן, פּוסטע-פּאס?
האָדיע, געגנוג שוין: באָם, באָם, בים! } 2
כאפּ דיך (אביסל) ארויס אף דער גאס. } 2

———

עמעס, איך ווייס, דו ביסט קיין לײַט,
קאָנסט ניט מער נאָר קוועטשן די באנק,
מוזט אָבער פאָרט גיין, עס איז שוין צײַט, } 2
איך בין שוין (אזש) פאר צאָרעס קראנק.

———

„ביסט זייער גערעכט, מײַן טײַערע ווײַב!
דײַנע ווערטער זײַנען זיס;

———

1) די אלע קלאמערן אין די שלוס-פערזן געפינען זיך אין גאָטלאָבערס מאנוסקריפּט. ווי עס שײַנט, האָט גאָטלאָבער צום ערשטן וואריִאנט צוגעטראכט אויך א ניגן, און די לעצטע צוויי פערזן פון יעדער סטראָפע פלעגט מען איבערכאזערן צוויי מאָל.

ווי אזוי זשע זאָל איך גיין, האָב קיין העמד אפן לײַב, 2
אויך קיין שיך (ניט) אף די פיס״.

———

דאָס ווײַב איז געלאָפן געשווינד און גיך
צו א שאָכן, וואָס פארקויפט שמאַטעס,
און האָט בא אים געליִען א פּאָר אלטע שיך 2
און א(נ-אלטן) קאפטן פון הוילע לאטעס.

———

זי האָט בעקאָוועד דעם מאן אויסגעקליידט אזוי.
אצינד, זאָגט זי, גיי זוכן דאָס גליק;
בעט בא יידן, בעט בא א גוי, 2
אבי ברענג כאָטש (אהיים) ברויט א שטיק.

———

מײַן כאָסידל האָט זיך ארויסגעכאפּט,
אף דער גאס איז געוועזן פראָסט און שניי,
עס האָט אים א צאָן אין א צאָן געקלאפּט, 2
עס איז אים געוועזן (אָך און) וויי.

———

די קינדער האָבן געבעטן מיט הייסע טרערן:
רעבוינע שעל אוילעם! וואָס וועט זײַן מיט אונדז דער סאָף?
זאָלסט דאָרט דעם טאטן א מעציע באשערן 2
און הער שוין (באלד) צו מוטשען אונדז אוף.

———

גאָט האָט די קינדערס געבעט געהערט
און האָט זיך דערבארעמט איבער זיי;
ער האָט זייער טאטן א מעציִע באשערט 2
דאָרט אפן פראָסט, (דאָרט) אפן שניי.

———

צום כאָסידל איז געקומען אן אלטער זיידע
און האָט אים געגעבן שאָלעם די האנט:
לאָמיר זיי לאָזן דאָרטן שטיין ביידע, 2
מיטן זיידן לאָמיר (ערשט) ווערן באקאנט.

———

דער זיידע איז שוין באקאנט פון לאנגע יאָרן,
אף אלע בריסן מוז ער זײַן;
א מענטש, וואָס האָט ניט געהאט קיין שום כעסאָרן 2
און איז לעבעדיק(ערהייט) אין הימל ארײַן.

———

ווער ס׳האָט אים נאָר געזען אין כאָלעם,
איז שוין באוואָרנט פון צאָרעס פון לייד,
ביפראט ווען ער גיט וואכנדיק שאָלעם— 2
אף דעם איז (אוואדע) א סימכע א פרייד.

———

דער זיידע פרעגט דעם כאָסיד: וואָס ציטערסט אזוי?
— „זיידעניו, עס איז מיר זייער קאלט,
און אין׳ האָב שוין ניט געגעסן דרײַ טעג, אָי! 2
און (דערצו) מײַן ווײַב און קינדער, געוואלד!״.

———

בא די ווערטער האָט זיך דער כאָסיד זייער צעוויינט
און האָט זיך אף דער ערד אויסגעשטרעקט,

ער בלײַבט שוין דאָ טויט ליגן, האָט ער געמיינט, 2
נאָר דער זיידע האָט אים (טייקעף) אופגעוועקט.

— „שטיי אוף, מײַן קינד, קום נאָר מיט מיר
איך וועל דיר עפּעס ווײַזן נײַעס,
און אז סע וועט זײַן א וואונדער באַ דיר, 2
זאָלסטו ניט מאכן קיין (כסידישע) האוואיעס.

הער און זע, און שווײַג נאָר שטיל,
וואָס איך וועל טאָן זאָל דיר אַלץ זײַן רעכט;
מאך מיר דעם קאָפּ מיט שײַלעס ניט דיל, 2
עס וועט דיר שוין מער ניט (קיינמאָל) זײַן שלעכט.

דאָרט שטייט איינער און רופט עפּעס אויס,
ער שרײַט און קלינגט מיט א גלאָק;
ער זוכט באַלמעלאָכעס זאָלן אים בויען א הויז, 2
א פּאַלעץ (וויל ער) אין עטלעכע שטאָק.

עס וועט אים ניט העלפן קיין שרײַען, קיין קלינגען,
ער וועט זיי ניט קריגן אזוי גיך;
גיי נאָר זאָג אים, דו ווילסט מיך פאַרדינגען, 2
דער באַלמעלאָכע — דער בין (נאָר) איך".

— סטײַטש, וואָס רעדט איר, רעבע לעבן!
ווי קאָן איך דען זײַן אזוי שלעכט?
ווי זאָל איך פאַר געלט אײַך אָפּגעבן, 2
זענט איר דען (כאָלילע) מײַן קנעכט?

איך שטויס מיך שוין אָן ווער איר זענט!
עליִאָהו האנאָווי, נאָר איר האָט זיך פאַרשטעלט.
עס זאָל מיר דארן מײַנע הענט, 2
ווען איך וועל אײַך (עמיצן) פאַרקויפן פאַר געלט.

עליִאָהו איז געקומען אין קאָעס ארײַן,
דעם כאָסידס טשוווע האָט אים געהארט;
אזוי פלעגט ער טאָמיד צו זײַן 2
זייער (שטארק) אײַנגעשפּארט...

(דערמיט ענדיקט זיך דער מאנוסקריפּט, דער סאָף פון ליד פעלט).

---

צווייטער וואריאנט

1

אמאָל איז געווען א פרומער ייִד,
וואָס האָט געלערנט טאָג און נאכט;
ער איז ניט געוואָרן קיינמאָל מיד
און האָט אזוי זײַן וועלט פאַרבראכט.

2

א ווײַב האָט ער געהאט א צנוע
און פינף קינדער אלע גרויס;

דאָס ווײַב איז געגאַנגען קרוע-בלוע,
די קינדער נאַקעט און בלויז.

3

פארשמאַכט פאר הונגער און פאר קעלט,
זאָגט צום מאַן דאָס ווײַב אַמאָל:
פינצטער און ביטער איז מײַן וועלט,
איך האָב מאַקעס גאָר אָן א צאָל.

4

מיר גייען נאַקעט מיט די קינדער
און האָבן ניט א שטיקל ברויט;
עס איז דאָך עפּעס גאָר א ווונדער,
וואָס מיר זענען נאָך ניט טויט.

5

ווי לאַנג וועלן מיר עס נאָך לײַדן קענען?
די נעשאָמע האַלט זיך שוין קוים אײַן.
גוט און פרום אזוי ווי מיר זענען,
פארוואָס זאָלן מיר אזוי אָרעם זײַן?

6

עפּשער טוסטו דערמיט גאָר שלעכט,
וואָס דו לערנסט נאָר אין איין שטיק;
ס'איז עפּשער גאָר פאר גאָט ניט רעכט —
א מענטש זאָל ניט פּרווון קיין גליק.

7

אָט זעסטו אונדזער שאָכן דאָרט,
איז אויך א יידיש קינד, כלעבן,
פונדעסטוועגן האָרעוועט ער פאַרט
און האָט טאַקע פון וואָס צו לעבן.

8

ניט זינדיקן זאָל איך מיט די רייד,
מע טאָר דאָך ניט מעקאַנע זײַן:
זײַן ווײַב גייט אין א גאַנץ קלייד
און לעבט זיך אָפּ גאַנץ פײַן.

9

בא אים פאר דער שטוב, קום נאָר אהער,
ליגט דאָך א ציג אינדרויסן;
וואָס וואָלט איך, נעבעך, געוואָלט מער —
נאָר איך בין דערוף ניט אויסן.

10

„פשיטע”, הייבט אָן דער מאַן צו זאָגן,
ווייסטו, כלעבן, ביסט גאָר ניט קלוג.
האַלעווײַ מיר זאָ,ן דאָס פארמעגן,
וואָס ער איז שולדיק אָף דער ציג.

11

ער איז, כלעבן, אויך ניט רײַכער פון מיר,
ער האָט אויך אוואדע א רועך אינדרײַען,
נאָר וואָס וועט דאָס העלפן דיר,
אז דו וועסט וויינען און שרײַען?

12

ווי קאָן איך דען גיין אף דער ליכטיקער גאס,
אז איך האָב א פּאָנים פון א שווארץ יאָר?
איך וועל גיכער מאכן א סיִעם אף א שאס
איידער א קאפּאָטע און שיך א פּאָר.

13

אָפּגעריסן-אָפּגעשליסן
ווי קומט מען צו עמעצן צו גיין?
ווער וועט וועלן פון מיר וויסן,
ווער וועט מיך וועלן זען?

14

דעריבער ליגט א קאפּצן אין דער ערד
און ווערט פארשווארצט אלע צײַט;
וואָס איז גאָר זײַן כאָכמע ווערט,
אז קליידער מאכן לײַט.

15

דאָס ווײַב האָט זיך באלד אן אייצע געגעבן
און איז געלאָפן צום שאָכן ארײַן:
„איר זאָלט מיר, ליבער ייִד, לאנג לעבן,
מײַריך יאָמים זאָלט איר זײַן!

16

טוט מיר א טויווע גאָר א קליינע,
גאָט וועט אײַך באצאָלן גאנץ גיך:
לײַט מײַן מאן א קאפּאָטע א שיינע
און א פּאָר גאנצע שיך......

(דערמיט ענדיקט זיך דער מאנוסקריפּט).

## עפּיגראם אַף א מעכאבער

אָט דאָ זעט א גרויסן מויעך,
נאָך גרעסער פון שלוימען איז זײַן קויעך.
שלוימע האָט געהאט אסאך ווײַבער,
האָט ער אָנגעשריבן: „הבל הבלים".
קיין איינציק ווײַב האָט ניט אונדזער שרײַבער —
און שרײַבט אויך העוועל האוואָלים...

פון מרדכי קאָסאָווערס זאַמלונג
אינוו. נום. .......... אָפּט ..........

מ. עריק

# שאָלעם אלייכעם און זײַן איבערזעצער

## 1

אונדזער ארכיוו — דער ארכיוו פון יידסעקטאָר פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאפט-אקאדעמיע אין מינסק — איז לעצטנס באַרײַכערט געוואָרן מיט א ווערטפולער מאטאָנע, — א קאָלעקציע בריוו און מאטעריאלן, וואָס עס האָט איבערגעגעבן דעם יידסעקטאָר דער כ׳ יודע אָסיפּאָוויטש פּינוס. כ׳ פּינוס האָט פאר דער מילכאָמע איבערגעזעצט די ווערק פון די יידישע קלאסיקער שאָלעם-אלייכעם, פּערעץ און מענדעלע, — סאכאקל אין פּעריאָד 1913-1910 צוועלף בענדער שאָלעם-אלייכעמס, פיר בענדער פּערעצעס און א באנד מענדעלעס.

די פּינוס-קאָלעקציע באשטייט פון: 1. 138 בריוו שאָלעם אלייכעמס צו פּינוסן פון די יאָרן 1913-1910. 2. א וואריאנט פון דעם „פּארקישעפּטן שנײַדער“, ספּעציעל איבערגעארבעט פאר דער רוסישער אויסגאבע. 3. 4 בריוו פּערעצעס צו פּינוסן פון די יאָרן 1913-1910. ליידער זײַנען בייס דער מילכאָמע בא דר. פּינוסן פארפאלן געוואָרן א ריי בריוו פּערעצעס. 4. פּערעצעס א נײַער וואריאנט פון דער פאָלקסטימלעכער הומאָרעסקע „דער דראנג“.

אין גרונט באשטייט אלזאָ די פּינוס-קאָלעקציע פון שאָלעם אלייכעמס בריוו צו זײַן איבערזעצער. א ריי בריוו שאָלעם אלייכעמס זײַנען גאנצע בלאָקנאָטן, אײַליק געשריבן, און, ווײַזט אויס, ניט קאָפּירט. מיר האָבן, אלזאָ, צו טאָן אין אזעלכע פאלן מיט אוניקומס. דער ווערט פון דערדאָזיקער קאָלעקציע איז, ערשטנס, א ליטעראטור-היסטאָרישער, אף וויפל זי גיט צו נײַע שטריכן צו דער כאראקטעריסטיק פון שאָלעם „אלייכעמען, צווייטנס, — אויך א פּראקטיש-איבערזעצערישער, ביפּראט אין די באדינגונגען פון סאָוועטן-פארבאנד. די אָקטיאבער-רעוואָליוציע, וואָס האָט ענדגילטיק געמאכט א סאָף מיט דער נאציאָנאלער אָפּגעשלאָסנקײַט און איזאָלירטקײַט פון די פעלקער פון דעם אמאָליקן צארישן רוסלאנד, האָט ערשט מעגלעך געמאכט, אז שאָלעם אלייכעמס ווערק זאָלן ווערן דאָס פארמעגן פון מיליאָנען ארבעטנדיקע. די צאָל איבערזעצונגען שאָלעם אלייכעמס אין רוסיש, אוקרײַניש, ווײַסרוסיש א. א. וו. וואקסט פון יאָר צו יאָר, ביפּראט זינט 1926 (זע די בײַגעלייגטע רעשימע), סײַ אין דער צאָל נעמען, סײַ אין טיראזש. אויך די ארויסזאָגונגען פון כ׳ כ׳ ביבליאָטעקארן באשטעטיקן, אז ערשט איצט איז „אלייכעם“ געוואָרן א באליבטער און פּאָפּולערער שרײַבער אויך בא די ניט-יידישע ארבעטנדיקע מאסן אין פסטר. שאָלעם אלייכעמס ארויסזאָגונגען וועגן דער טעכניק און סטיל פון די רוסישע איבערזעצונגען פון זײַנע ווערק באקומען, אלזאָ, ביפּראט איצט אן אקטועלן ווערט און פארדינען אופמערקזאמקײַט, כאָטש עס איז אויך קלאָר, אז דער סאָוועטישער איבערזעצער וועט קריטיש און ניכטער צוגיין צו שאָלעם אלייכעמס מיינונגען. מיר קעמפן סײַ קעגן דער פעטישיזירונג פון די קלאסיקער, סײַ קעגן קליינבירגערלעך-„ראדיקאלן“ אָפּשאָקלען זיך פון זייער ירושע. און דאָס איז כאָל אויך אף דער ארבעט פון אונדזערע איבערזעצער.

א פּאָר ווערטער וועגן דעם איבערזעצער, דר. פּינוס. ער איז א שקלאָווער, געבאָרן 1884, זון פון א שאפער אין א וואלד. ער האָט געארבעט ווי א פעלדשער און גלײַכצײַטיק געגרייט זיך צום רײַפקײַט-עקזאמען, אָפּגעגעבן אים 1908 און אָנגעקומען דעמזעלביקן יאָר אין מאָסקווער אוניווערסיטעט אפן מעדיצינישן פאקולטעט, געענדיקט ווי א דאָקטאָר מעדיצין

אין יאָר 1914. אין מאָסקווע מיטגעאַרבעט אין דער שול-סעקציע פון „אָפּע“, דאָרט זיך באַגעגנט מיט דעם היסטאָריקער פּ. ס. מארעק, און מארעק האָט עס פינוסן אופגעגעבן די אידייע נעמען זיך צו איבערזעצונגען פון דער ייִדישער ליטעראַטור, ביפּראַט, אַז עס איז דאַן געווען אפן רוסישן ביכער-מאַרק א הויך-קאָניונקטור פאַר איבערזעצונגען פון דער וועלט-ליטעראַטור. מארעק האָט אויך אײַנגעשטעלט די פאַרבינדונג מיטן פאַרלאַג „Современные проблемы,“ וואָס זײַנע באַלעבאַטים זײַנען געווען ייִדן, די ברידער סטאָליאַר. די ערשטע צײַט האָט מארעק רעדאַגירט פינוסעס איבערזעצונגען, אָבער אין א פּאָר כאַדאָשים שפּעטער איז ער קראַנק געוואָרן, און מיטגעהאָלפן פון איצט אָן בלויז מיט אייצעס אין באַזונדער שווע-ריקע פאַלן. אין יאָר 1910 זײַנען אין דעם דערמאָנטן פאַרלאַג דערשינען דרײַ בענדער שאָלעם אַלייכעמס אין פינוסעס איבערזעצונג: 1) „Дети Черты“: א) שאָלעם אַלייכעמס האַקדאָמע צו דער רוסישער איבערזעצונג. ב) מאָטל דעם כאַזנס, ערשטער באַנד. ג-ה) דרײַ קלענערע דערציילונגען, צווישן זיי „דאָס מעסערל“. 2) „Дети Черты“, צווייטער באַנד: 19 דערציילונגען, צווישן זיי „שיר האַשירים“. 3) „Маленькие Люди“, („קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס“). אין יאָר 1911 זײַנען דערשינען ווײַטערדיקע צווײ בענדער: 4) „Записки Коммивояжора“ און 5) „Неунывающие“ — דאָ זײַנען אַרײַן: „טעוויע דער מילכיקער“ (7 מאָנאָלאָגן) און „די פריילעכע קאָמפּאַניע“. 1912 זײַנען דערשינען ווידער צווײ בענדער: 6) „Похождения неудачника“ („מענאַכעם מענדל“) און 7) „В мире звуков“ — „סטעמפּעניו“ און „יאָסעלע סאָלאָוויי“. דער לעצטער באַנד, וואָס איז דערשינען אין דעמזעלביקן פאַרלאַג, איז „Летние услады“ — 1913. („מאַריענבאַד“ און אַנדערע דאַטשע-מײַסעס). דאַן אָבער האָט דער פאַרלאַג זיך געשפּאָלטן, און שאָלעם אַלייכעם איז אַריבער צום „אוניווערסאַלן פאַרלאַג פון ל. א. סטאָליאַר“, געגרינדעט דורך איינעם פון די צווײ ברידער. דאָ רײַסט זיך אויך איבער אונדזער קאָלעקציע בריוו.

פינוס האָט געפּרוווט זײַנע קויכעס אויך באַם איבערזעצן אַנדערע ייִדישע שרײַבער, און ביפּראַט האָט אים געצויגן פּערעץ. האָבנדיק איבערגעזעצט „א גילגל פון א ניגן“ און „די גאָלדענע קייט“, איז ער אַריבערגעפאָרן צו פּערעצן אין וואַרשע, און פּערעץ האָט באַגי-טיקט זײַנע איבערזעצונגען. דער פּלאַן פון דער פּערעץ-אויסגאַבע איז געווען אַזאַ: 1) „Из уст народа“ (פאָלקסטימלעכע געשיכטן). 2) „Сказания верующего“ (כסידיש). 3) „Время“. 4. „Адам и Ева“. די דאָזיקע פיר בענדער זײַנען דערשינען אין פּעריאָד 1911-1913 אין דעמזעלביקן פאַרלאַג. דער כורבן פון פאַרלאַג און די מילכאָמע האָבן איבערגעריסן די אויסגאַבע.

אין אַלגעמיין קען מען זאָגן, אַז פינוס איז געוואַקסן צוזאַמען מיט זײַנע איבער-זעצונגען. סײַ דער שטרענגער פּערעץ, סײַ דער אַסאַך מילדערער שאָלעם אַלייכעם האָבן געלויבט זײַנע איבערזעצונגען. די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע און די פּראָפעסיאָנעלע אָנלאָדונג האָבן איבערגעריסן פינוסעס איבערזעצערישע טעטיקײַט. ער איז מער צו איר ניט צוריקגעקומען. זײַנע איבערזעצונגען דרוקן זיך נאָך איצטער איבער — אָן זײַן וויסן. הײַנט צו טאָג פירט דר. פינוס וויסנשאַפטלעך-פּראַקטישע אַרבעט, ווי א פּעדאָלאָג אין סטאַלינגראַד, און איז דאָרטן מיטגליד פון ביוראָ געזעלשאַפט מאַרקסיסטן-פּעדאַגאָגן.

2

שוין אין פּערעצעס און שאָלעם אַלייכעמס צוגאַנג צו דער פראַגע פון אַרויסגעבן אין רוסיש זייערע ווערק זעט זיך אָן דער טיפער אונטערשייד פון ביידנס כאַראַקטערן. פּערעץ האָט נאָכגעפאָלגט דעם גאַנצן איניען גלײַכגילטיק און נאַכלעסיק. „א פאָרשטייער פון פאַר-לאַג „סאָוור. פּראָב.“ איז אַמאָל (אין קאַלענדאַר-אָנגעלעגנהײַטן בין איך זייער א שוואַכער), איז אַמאָל בא מיר געווען, גערעדט, וואָס — הייב איך ניט אָן צו געדענקען. דערנאָך, אין זייער א לאַנגער צײַט אַרום — האָב איך באַקומען א בריוו פון פאַרלאַג אַליין מיט א שריפט-לעכער פּאָרלאַגע, איך געדענק זי שוין ניט... דערווײַל איז מיר דער בריוו (ווי עס פּאַסט פאַר א שרײַבערישער ווערטשאַפט) פאַרלוירן געגאַנגען און איך האָב קיין אַדרעס אף ענט-פערן ניט געהאַט...“ אַזוי הייבט אָן פּערעץ זײַן ערשטן בריוו צו פינוסן (26 אָקטיאַבער 1910 נ. ס.) אין א שפּעטערדיקן בריוו שלאָגט פּאָר פּערעץ אָן אויסגאַבע פון 20 בענדער צו 8-10 בויגן, מיט אַזאַ מין סיידער: פאָלקסטימלעכע געשיכטן (פּערעץ שלאָגט דאָ פּאָר דעם רוסישן טיטל: „Из уст народа“), כסידיש, סקיצן און מײַסעלעך, צווײ בענדער „ראָנדאָ“, און ערשט

צולעצט די דראמאטישע ווערק. דעם סיידער פון „כסידיש" האָט פּערעץ לעכאטכילע געוואָלט לאָזן ווי אין דער ייִדישער אויסגאבע, שפּעטער ערשט צוגעשיקט א נײַעם סיידער — (וואָס איז אָבער אין אונדזער קאָלעקציע ניט אופגעהיט). בלויז בענויגייע די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" איז פּערעץ קאטעגאָריש באשטאנען אף א נײַער אָרדענונג, און אפילע צוגעשיקט א צעשניטענעם באנד פון דער פּראָגרעס-אויסגאבע תרס"ט (1908), אײַנגעטײלט שוין לויטן נײַעם סיידער, און אריבערגעטראָגן אייניקע זאכן פון „אָדאָם ווע־כאווע" און „די צײַט". (פּראָגרעס-אויסגאבע). אָט איז פּערעצעס אײַנטיילונג פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן":

1) „באם גויסעס צו קאָפּנס". 2) „דרײַ מאטאָנעס". 3) „אן אָפּקומעניש". 4) „זיבן גוטע יאָר". 5) „די טייווע צו קליידער". 6) „אראָפּגעלאָזטע אויגן". 7) „לוי סאכמויד". 8-10) גיט פּערעץ א קעפּל „פּייסעך-געשיכטן". 8) „דער קונצנמאכער". 9) „ס'איז גוט". 10) „דער הינטישער סיידער". די געשיכטן 11-14 פאראייניקט פּערעץ אין א רובריקע „שטומע נעשאָמעס": 11) „צוויי ווענן, צוויי מעשאָלים". 12) „א קאפּיטל טילים". 13) „שמא יִסראָעל". 14) „ניסים אפן יאם". 15) „דער אויצער". 16) „פּידיען שווים". 17) „דער זיווּוג". 18) „צוזאמען". 19) „דער שפּילער". 20) „מעסיראס נעפעש". 21) „דאָס גלעזל". 22) „איבער א שמעק טאבאק". 23) „א גאנץ יאָר שיקער — פּורים ניכטער". 24) „דער דראָנג". פארגליכן מיט דער איצטיקער קלעצקין-אויסגאבע פון די „פאָלקסטימ/עכע געשיכטן", שטימען די ערשטע דרײַצן נומערן מיט פּערעצעס פּראָיעקט. דאן קומען אין דער קלעצקין-אויסגאבע די נומערן 15, 23, 20, און די צוויי געשיכטן: „נאכעס פון קינדער" און „דרײַ כופּעס", וואָס פעלן אין פּערעצעס רעשימע. די „דרײַ כופּעס" האָט פּערעץ נאָך ניט ארײַנגעשטעלט אין דעם פּראָיעקט פון דער רוסישער אויסגאבע, ווײַל, ווי ער שרײַבט שפּעטער צו פּינוסן, וויל ער זיי איבערארבעטן. אגעוו, שאצט טאקע אָפּ פּערעץ אין א שפּעטערדיקן ניט אָפּגעשיקטן בריוו צו ניגערן אזוי די „דרײַ כופּעס": „געדעכט זײַט איר וועגן די דרײַ צי פיר כופּעס. איך האָב דאָס מאטעריאל (אייגנטלעך אָפּערן-מאטעריאל) ניט באהערשט. איז ארויס — בוידעם..." (י. ל. פּערעץ, בריוו און רעדעס, ווילנע 1929. ז. 202). שפּעטער האָט פּערעץ פאָרגעשלאָגן די דערציילונגען: „צוזאמען", „איבער א שמעק טאבאק", „א גאנץ יאָר שיקער — פּורים ניכטער", „דער דראָנג", — אריבערצוטראָגן אין דעם באנד „מײַסעלעך".

אין פּערעצעס פיר בריוו געפינען מיר סאכאקל איין קאָמפּלימענט: „פון אײַער יעצטיקער איבערזעצונג בין איך גאנץ צופרידן; האלעווײַ ווײַטער"... אין ווײַטערדיקע פּראָטים פון דער איבערזעץ-ארבעט גייט פּערעץ ניט ארײַן.

גאָר אנדערש איז געווען שאָלעם אלייכעמס באציִונג. די גרויסע רוסישע אויסגאבע פון זײַנע ווערק באטראכט ער ווי זײַן ערשטן ארויספאָר אין דער ברייטער וועלט, ווי דער ערשטער פענצטער, אויסגעהאקט צו די „אומעס האָאוילאָם", און ער ציטערט פארן קינסטלערישן דורכפאל פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג, — וואָס איז דורכויס פארשטענדלעך, ווען מע נעמט אין אכט די שוועריקײַטן פון שאָלעם אלייכעמס סטיל און די ניטדערפארנקײַט פון איבערזעצער. שאָלעם אלייכעם פארשיט פּינוסן מיט בריוו, קארטלעך און גאנצע אָפּהאנדלונגען. פאראן בריוו, וואָס באשטייען פון צוויי פול-פארשריבענע בלאָקנאָטן! עס טרעפט, אז דעמזעלביקן טאָג שרײַבט שאָלעם אלייכעם צו פּינוסן א קארטל, און גלײַך דערויף — אן אויספירלעכן בריוו, און צומאָרגנס ווידער א קארטל. עס איז אים ווייניק, וואָס ס'גייט אָן צווישן אים און דעם איבערזעצער א רעגלמעסיקער בריוו-אויסטויש — אז דער איבערזעצער ענטפערט פּינקטלעך אף זײַנע בריוו — און דער אומגעדולדיקער שאָלעם אלייכעם פאָדערט, אז דער איבערזעצער זאָל שרײַבן, ניט ווארטנדיק אף זײַנע בריוו, ער זאָל אים אינפאָרמירן וועגן יעדן פּראט פון דער איבערזעצונג און פון דער פארלאג-ארבעט. שאָלעם אלייכעם שטעלט צונויף און ענדערט קעסיידער דעם אינהאלט און סיידער פון די פּראָיעקטירטע בענדער. שאָלעם אלייכעם טראכט אויך וועגן דער רעקלאמע, וואָס דארף געשאפן ווערן ארום דער אויסגאבע, פארפאסט גענויע רעשימעס, אין וועלכע רעדאקציעס און צו וועלכע פּערזאָנען פאנאנדערצושיקן רעצענזיר-עקזעמפּליארן, און ארבעט אויס צוויי נוסכאָעס פון באגלייט-בריוו. קורץ, — שאָלעם אלייכעם פּיבערט, און ביפראט איז עס נויגייע 1910, ווען ס'דערשײַנען די ערשטע דרײַ בענדער (אייגנטלעך 4. דער פערטער באנד איז דאטירט 1911, ער איז אָבער דערשינען אין דעקאבער 1910). דערנאָך ווערט שאָלעם אלייכעם רויִקער, די צאָל בריוו צו פּינוסן פאלט פון יאָר צו יאָר (עס קען אָבער אויך זײַן, אז פּינוס האָט פון די ווײַטערדיקע יאָרן אופגעהיט ווייניקער בריוו). און דאָס וויכטיקסטע: שאָלעם אלייכעם קאָנסולטירט קעסיידער זײַן איבערזעצער וועגן פארשיידענע סטיל-פּראָבלעמען, וואָס וואקסן ארויס אין פּראָצעס פון איבערזעצן.

צוערשט פארמאָגט ש״א וויי̇ניק צוטרוי צו זײַן איבערזעצער. ער פאָדערט דורכויס, אז מארעק זאָל רעדאגירן די איבערזעצונג, און כאזערט עס איבער אפילע אין יאָר 1912. „פארוואָס שרײַבט איר ניט, ווער רעדאגירט אײַער איבערזעצונג? און עפשער רעדאגירט עס קיינער ניט! אוי, דאן וועט זײַן ביטער מיט אײַך“. (בריוו פון 7 פעווראל 1910. שאָלעם אליכעמס אלע בריוו צו פינוסן זײַנען אין רוסיש. און מיר ציטירן זיי גלײַך אין א יידישער איבערזעצונג. פערעצעס 4 בריוו זײַנען אין יידיש). שאָלעם אליכעם טײַנעט קעסיידער, אז מע דארף די איבערזעצונג קאָנסולטירן אויך בא אן עכטן רוס, „א פאָניע“, עס זאָלן ניט זײַן ליאפסוסן מיט דער רוסישער פאראפראזע. זײַן אומצוטרוי וויקלט ער אײַן אין פארשײַדענע קאָמפלימענטן, ביכדיי ניט אָפצושרעקן דעם איבערזעצער. ער שיקט אים צו בריוו־לעך פון אנדערע זײַנע איבערזעצער, מיט איראָנישע באמערקונגען אף זייער כעזשבן, ביכדיי צו אונטערשטרײַכן, אז פינוס איז „זײַן איבערזעצער“, דער עמעסער איבערזעצער. שוין אין זײַנע ערשטע בריוו (3 יאנוואר 1910) שרײַבט שאָלעם אליכעם. „איך האָב א פאָרגעפיל, אז אין אײַך האָב איך געפונען דעם ריכטיקן איבערזעצער“. באלד קומט אָבער אן „אָבער“: „ביפראט, ווען איר וועט בעעמעט פאָלגן מײַנע אָנווײַזונגען און האלטן זיך בא מײַנע אינ־סטרוקציעס“. אין דעמזעלביקן בריוו פראָטעסטירט ער קעגן פינוסעס פאָרשלאָג אָנצורופן איין באנד מיטן נאָמען: „Маленькие люди и их понятия“ און מיינט, אז בעסער איז „Маленькие люди с маленькими вожделениями“ (וואָס איז, אגעוו, ערגער אפילע פון פינוסעס טיטל). און נאָך בעסער, זאָגט שאָלעם אליכעם — איז „Маленькие люди“. אזוי איז טאקע געבליבן. ער פאָדערט אומבאדינגט אָנהויבן די אויסגאבע מיט זײַנע קינדער־דערציילונגען, וואָרעם „קיינער פון מײַנע ברידער־שרײַבער האָט ניט געוויד־מעט אזויפיל אופמערקזאמקײַט דערדאָזיקער וועלט, דער וועלט פון קינדער, ווי איך“. און עפענען דארף מען דעם באנד מיט זײַן נײַעם, באדײַטנדיקן ווערק („Крупное произ-ведение“) „מאָטל דעם כאזנס“. ער שלאָגט פאָר פארן באנד דעם טיטל „Дети Черты“, בא וואָס עס איז געבליבן, אָדער „Дети еврейского квартала“. מיעס איז אָנצורופן דעם באנד „Еврейски дети“, און סענטימענטאל קלינגט „Дети забытого народа“. גאָר גוט וואָלט געווען „Дети гетто“, האָט דאָס אָבער שוין אויסגעכאפט זאנגוויל. אסאך אופמערקזאמקײַט ווידמעט שאָלעם אליכעם זײַן האקדאָמע צו דער רוסישער אויסגאבע, אָפגעדרוקט באם ערשטן באנד. ער פארפאסט זי צוערשט אין יידיש; דערנאָך האָט ער כאראָטע, און זעצט זי איבער אליין אין רוסיש. דערנאָך פאָדערט ער ארויס די קאָרעקטור און שלאָגט פאָר פינוסן אייניקע סטיליסטישע ענדערונגען (פינוס האָט זיי אָבער קימאט אלע פארבראקירט). דאָסזעלביקע כאזערט זיך איבער מיטן ארײַנפיר צו „די קליינע מענ־טשעלעך“ (דריטער באנד).

אין א ריי בריוו פאָדערט ש״א קאטעגאָריש אויסצומײַדן טערמינען פון רעליגיעז־שטייגערישן כאראקטער, ווי קידעש, קאדיש, יאָרצײַט, טפילן, מעזוזע, מינכע, מײַרעוו, אטאָ האָרייסאָ, טאלעסקאָטן, און לייגט פאָר אפילע שטארק אָפווײַכן פון טעקסט, אבי זיי אויסצומײַדן.

באלד פון אָנהויב שטעלט זיך א שווערע פראגע: וואָס טאָן מיט שאָלעם אליכעמס „פסוקים“, די פארשיידענע ציטאטן פון טאנאך, געמאָרע, פון מעדרעש, וואָס ווימלען צ. ב. אין טעוויען, אָבער אויך אין אנדערע ווערק? פינוס האלט, אז דאָ זײַנען מעגלעך דרײַ מעטאָ־דעס: 1. געבן די פסוקים אין העברייִש, אין א לאטיינישער טראנסקריפציע, און אונטן — אין אן אָנמערקונג — זייער באטײַט אין רוסיש. 2. גלײַך זיי איבערזעצן אין געוויינטלעכן רוסיש. 3. איבערזעצן זיי סטיליזירט, אין קירכלעך־סלאוויש. פינוסן געפעלט צום מייסטן דער ערשטער מעטאָד, און ס'באקומט זיך גלײַך אן אופגערעגטער בריוו פון שאָלעם אליכעמען (פון 8 יאנוואר 1910): „צי מיינט עס דען פינוס ערנסט? ניין, איר וועט עס ניט טאָן! זאָל אײַך גאָט שוימער אומאציל זײַן פון אזא געדאַנק“. שאָלעם אליכעם פאָדערט אומבאדינגט די קירכלעך־סלאווישע סטיליזאציע, עמעס, מע דארף נוצן ניט גאָר אלטע ווערטער, אָבער אן ערעך: מיט „аще, понеже, ежели“, אין סטיל פון „Мне отмщение и аз воздам“ (דאָס געדענקט ש״א מאשמאָעס פון טאָלסטאָיס מאָטאָ צו „אננא קארענינא“). ש״א ווערט ניט מיד עס איבערצוכאזערן אין א ריי בריוו; דעם 1-טן מארט 1910 שרײַבט ער: „ענדלעך האָט זיך געפונען א מענטש, וואָס האָט מיך פארשטאנען. שטעלט זיך פאָר, אז מיט דער אידייע פון אלט־סלאוויש טראָג איך זיך ארום גאָט ווייסט ווי לאנג, אָבער קיינער פאר־שטייט מיך ניט. ווי גוט וואָלט זיך באקומען בא טעוויען Как сказанно в писании:... аще... און א. וו. נאטירלעך. טעוויע דרייט איבער (врет) אף שריט און טריט, און אויך בא אײַך דארף ער איבערדרייען. איר וועט בלויז מוזן זיך מאטריעך זײַן און באזאָרגן זיך

מיט א פּאָר טעאָלאָגישע ספאָרים אין רוסישן שריפט. אין ערגסטן פאַל זעט באַקומען טילים אין אַלט-סלאַוויש. עס איז גוט, וואָס איר האָט זיך אָנגעשטויסן אף דער אידייע. הערט קיינעם ניט! אידיאָטן זײַנען די, וואָס שטעלן טאַלמודישע פסוקים אין לאַטיינישן שריפט. גייט מיט אײַער וועג.״ [1] בא „שיר האשירים״ פאָדערט ער האַלטן בא זיך א רוסישע ביבל. דעם פּאָסעק „אפפוני מים רבים״ („קליינע מענטשעלעך״) פאָדערט ער איבערזעצן אומבאַדינגט אף אַלט-סלאַוויש, און דאַפקע מיט דער ענדונג „כאָם״, צ. ב.: סידאָכאָם, פלאַקאָכאָם א. אז. וו.

פינוס האָט אָבער אין דעם פּראַט ניט שטאַרק געפאָלגט שאָלעם אליכעמען. שיין וואָלט עס אויסגעזען טעוויע מיט סידאָכאָם און פלאַקאָכאָם! און „אפפוני״ זעצט איבער פינוס:

Об'яли меня воды до души моей
Бездна заключила меня!

(Мал. Люди, III, 174. 1910)

פאַקטיש האָט פינוס אין זײַן טעוויע-איבערזעצונג זיך געהאַלטן בא אַלע דרײַ מעטאָדן. ער האָט צוליב געטאָן שאָלעם אליכעמען און אָפט קירכלעך-סלאַוויש סטיליזירט טעוויעס פסוקים (פאַרגלײַך 5 באַנד, 1911, ז. ז. 7, 38, 78, 106, 112, 127, 147, 159, 161, און אנד.) און טעוויע זאָגט בא אים צ. ב. „Несть мудрость, и несть разума, и несть совета вопреки“; „Про то и в талмуде сказано: Егда един прийдет, един выйдет“; „в писании сказано: бысть благообразна“. „Аки огнь пылающие“. „Я стою и думаю: Се весь человек“. „Дожила ты, дщерь Тевеля“. „И отвечаю ему: несмь страж брату моему“.

ער האַלט זיך אָבער אויך באַם מעטאָד פון איבערלאָזן די העברייִשע פסוקים אין א לאַטיינישער טראַנסקריפּציע, מיט א איבערזעצונג אונטערן שטריך (פאַרגלײַך צ. ב. 22, 8, 146, 149, 152, 161, א. א.): א שטייגער „Как уж в молитве сказано: Hamavdil bein koidesch lechol“ ער גיט אָבער אויך אָפּט אן איבערזעצונג פון די פסוקים אין מאָדערנעם רוסיש, צ. ב.: „Как сказал Лаван Арамейский: призовем девицу и спросим, что она скажет“. (59)

פינוס איז, אַלזאָ, אָפּגעטראָטן פון שאָלעם אליכעמס ווונטש און מעכאַניש קאָמבינירט אַלע דרײַ פּרינציפּן. דערפאַר האָט ער שטרענג געהיט שאָלעם אליכעמס דורכויס-ריכטיקן געבאָט אויסצומײַדן די ייִדישע רעליגיעז-שטייגערישע טערמינען (קאַדיש, מאַזלטאָוו, שוועס, א. א. וו.), ער האָט אויך אויסגעצייכנט און פאָלקסטימלעך איבערגעזעצט דעם שפּריכווערטער-אויצער פון טעוויען.

פאַרגלײַכט מען פינוסעס טעוויע מיט די צוויי רוסישע איבערזעצונגען, וואָס זײַנען לעצטנס דערשינען אין ראַטן-פאַרבאַנד, — שאַמבאַדאַלס אין „פּוטשינא״-פאַרלאַג, און די אַנאָנימע אָדעסער איבערזעצונג אונטער אָסיפּאָוויטשעס רעדאַקציע, ביידע דאַטירט 1929, קומט מען צו אַזעלכע אויספירן:

פינוסעס איבערזעצונג איז די איינציקע, וואָס וויל זיך האַלטן שטרענג בא שאָלעם אליכעמס טעקסט, בייס שאַמבאַדאַל און דער אָדעסער איבערזעצער שטרעבן זיך צו באַפרײַען פון שאָלעם אליכעמס ווערטער-מאַבל און אויסצושטאַטן דעם טעקסט מער פּאָבולאַטאָריש. א היפּשער טייל פון שאָלעם אליכעמס צויבער, פון זײַן וואָרט-הומאָר, גייט בא זיי פאַרפאַלן. און דורכדעם ווערן זיי פּאָטער אויך פון דעם פסוקים-באַלאַסט — ס'ראָוו וואַרפן זיי אים אינגאַנצן אַרויס. בענויגייע די איבערגעבליבענע פסוקים האַלטן זיי זיך באַם פּרינציפּ פון א מאָדערנעם רוסיש, אַמאָל טרעפט אָבער אויך בא זיי א קירכלעך-סלאַווישע סטיליזאַציע, א שטייגער, אין דער אָדעסער איבעזעצונג: „Блажен аже и скоты милует“ — א פּאָסעק, וואָס פעלט אפילע בא פינוסן... ביידע איבערזעצער האָבן, נאַטירלעך, געהאַט ליגן פאַר זיך פינוסעס טעקסט. ביידע האַלטן זיך ניט בא שאָלעם אליכעמס דורכויס ריכטיקן אָנזאָג אויסצומײַדן די רעגיליעז-שטייגערישע רעאַליא, און ביידע נוצן עס — און אויך אַנדערע טערמינען — ביכדיי צוצוגעבן דעם רוסישן טעקסט דעם ייִדישלעכן זיבעטן כיין. אַזוי צ. ב. זאָגט טעוויע צו זײַן פערדל אין דער אָדעסער אויסגאַבע: (31) „Кто тебя просил,

[1] לויטן אינהאַלט איז דערדאָזיקער בריוו פאָרויסגעגאַנגען דעם בריוו פונעם 8 יאַנוואַר. מינאַסטאַס האָט ס״א פאַלש דאַטירט דעם ערשטן בריוו.

шлиммазель ты этакая! און זײַט 50 לייענען מיר: „Всякий из таких шмендриков непременно в студенты лезет!“

איןביידע איבערזעצונגען ווימלט מיט שוועס, שאדכאָנים, באלאגולעס, און זײַט 91 באגעגענען מיר בא שאמבאדאלן אפילע דעם „קאדיש“, קעגן וועלכן ס׳האָט פּראָטעסטירט ש״א. פינוס האָט אזעלכע טערמינען גראַד זייער טאקטפול און קונציק אויסגעמיטן.

עס איז אויך צווייפלהאפט, צי דארף מען אין די סאָוועטישע איבערזעצונגען אומבא-דינגט אויסמײַדן טעוויעס פּסוקים, וואָס זײַנען דאָך אָפט איראָניש געווענדעט קעגן „גאָט און זײַן פירונג“. מיר זײַנען גאָרניט פארינטערעסירט ארויסצוווארפן אזעלכע פּסוקים, וואָס דריקן אויס דעם פארביטערטן סארקאזם פון דעם האָרעפּאשניק וואָס הייבט זיך אָן בונטע-ווען קעגן דעם אייגענעם רעליגיעזן געפיל. נעמען מיר צ. ב. דעם אָנהויב פון „כאווע“. שאמבאדאל ווארפט אים ביכלאל ארויס, אָדעס האלט זיך נאָענט צום יידישן טעקסט, בייס פינוס איבערזעצט לויטן העברייישן נוסעך (ש״א׳ס אייגענע איבערזעצונג), ווו ס׳איז גראָד פארשארפט די סארקאסטישע קאוואָנע.

שאָלעם־אלייכעם: הודו לה׳ כי טוב — ווי אזוי גאָט פירט, אזוי איז גוט. דאָס הייסט, עס באדארף זײַן גוט, וואָרעם פּרוּווט זײַן א כאָכעם און מאכט בעסער!

אָדעס: (77)

Славьте его, ибо он благ есть, говорит писание. Собственно, это изречение надо понимать так: всё, что всевышним делается, должно почитаться благим, потому что, а-ну, будь мудрым, попытайся сделать лучше, чем он?

פינוס:

Славьте господа, ибо он благ есть — сказано, и как-бы господь не сделал, всё хорошо. Мы должны это считать хорошим, п. ч. господь мудро устроил мир, дабы учить людей мудрости и терпению. Он испытывает людей и посылает на них всякие муки и казни, дабы последующее поколение также знало, что есть великий бог на свете...

ש״א האָט מיט רעכט געקעמפט סײַ „קעגן דעם יידישלעכן“ קאָלאָריט פון אייניקע זײַנע איבערזעצער, סײַ קעגן יענעם „מאָדערניזירן“, בא וועלכן עס גייט אינגאנצן פארלאָרן דער כאראקטער פון דער געשילדערטער קאסרילעווקער סוויווע. אזוי לאכט ער אויס אומבע-ראכמאָנעסדיק אין א בריוו צו פינוסן אן אנדערן איבערזעצער, וואָס האָט די פראזע: „גאנץ אויבן-אָן באם טיש, ווי א מיילעך, זיצט דער באלעבאָס“ אזוי איבערזעצט: „В красном углу, словно председатель, восседает „Сам“.“

די אונטערשטע שורע איז, אז פינוסעס „טעוויע“ איז נאָך אלץ בעסער פון די לעצטע צוויי איבערזעצונגען פון יאָר 1929, וואָס ווולגאריזירן שאָלעם אלייכעמס טעקסט, און פאר-מאָגן גראָד אלע יענע „יידישלעכע“ און גלײַכצײַטיק „מאָדערניסטישע“ בײַ-טײַמים, קעגן וועלכע עס האָט ריכטיק געקעמפט ש״א. די ערגסטע איז די שאמבאדאל-איבערזעצונג, וואָס פארמאָגט טאקע צומייסטן דעם פײַנעם קוגל-רייעך. 1) בא שאמבאדאלן, „טעוויע“ ז. 176 לייענען מיר טאקע: „Кусок холодной грудинки из вчерашнего цимеса, а затем студень с чесноком, и в заключение чолнт с жирным горячим кугелем“.

3

מע דארף אָנעמען, אז לאנגע יאָרן וועלן איבערזעצער נאָך גיין צו שאָלעם אלייכעם-טעקסט מיט דער פארשיידנסטער ציל-אײַנשטעלונג: פון אן אקאדעמיש-געטרײַער איבערזע-צונג ביז דער דיכטערישער פאראפראזע, וואָס נוצט שאָלעם אלייכעמס טעקסט בלויז ווי א שפּרונג-ברעט, פון אן איבערזעצונג, וואָס וויל היסטאָריש-געטרײַ געבן שאָלעם אלייכעמס טעקסט, ביז אן איבערזעצונג, וואָס וויל מאָדערניזירן שאָלעם אלייכעמען און וואָס מער אים דערנענטערן צום נײַעם פּראָלעטארישן לייענער. אונדזער בריוו-קאָלעקציע באווײַזט אָבער קלאָר, אז צוליב אסאך טײַמים טאָר קיין שום סאָוועטישער איבערזעצער ניט פאַר-בײַגיין פינוסעס טעקסט, אפילע ניט נעמענדיק אין אכט, אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אן ערנסטער, מיט אסאך ליבע דורכגעפירטער און אין טאָך געלונגענער ארבעט. און דאָ דארף מען אָנווײַזן אף אזעלכע וויכטיקע מאָמענטן:

1) דאַקעגן דארפן מיט ליב דערמאָנט ווערן די צוויי בענדלעך איבערזעצונגען פון ש״א אין רוסיש, וואָס זײַנען דערשינען אונטער באבעלס רעדאַקציע: „Ножик“ א. אנד. דערציילונגען, 1926, „Мыльный пузырь“ 1927. דאָרט זײַנען אַרײַן אויך צוויי אויסגעצייכנט איבערזעצטע מײַסעס פון טעוויען: „א בוידעם“ און „האָדל“. די „פסוקים“ זײַנען מיט רעכט איבערגעגעבן אין א מאָדערנעם רוסיש. א שאָד, וואָס דיזאָזיקע סעריע איז איבערגעריסן געוואָרן.

1) אָנהויבנדיק פון 6 באנד (מענאכעם-מענדל — „Похождения неудачника“) איז פינוסעס טעקסט נאָך פארן דרוקן דורכגעגאנגען שאָלעם אלייכעמס רעדאקציע. אין א בריוו פון דעם 31 מײַ 1911 מאָטיווירט עס ש״א מיטן ווונטש פון פארלאג. ש״א פאר-זיסט די ביטערע פיל; אינדערעמעסן איז עס געווען קעסיידער שאָלעם אלייכעמס ווונטש. דאָס באטײַט אָבער, אז אָנהויבנדיק פון זעקסטן באנד האָבן מיר צו טאָן מיט א דורכויס אווטאָריזירטער איבערזעצונג.

2) אָבער נאָך ביזן 6-טן באנד האָט ש״א, ווי געזאָגט, זיך אקטיוו ארײַנגעמישט אין דער איבערזעצונג-ארבעט, געגעבן די פארשיידנסטע אײַצעס, געננוי באהאנדלט די פראגע פון די טיטלען פון איינצלנע בענדער און דערציילונגען, אויך שווערערע טעקסטן. פאר טעוויען האָט פינוס צ. ב. פאָרגעלייגט: „Молочник Тевель“. ש״א האָט געוואָלט: „Тевель и его дочери“. ס׳איז געוואָרן א קאָמפּראָמיס: „Молочник Тевель и его дочери“. שאמבאדאל איבערזעצט: „Тевье Молочный“. אָדעס: „Тевье и его дочери“. עס טרעפט, אז שאָלעם אלייכעם עקזאמענירט איננ׳יטן דערינען זײַן איבערזעצער. ער פרעגט אים, צ. ב., ווי וועט ער איבערזעצן אין רוסיש „א האק א בוים, א פליוך אין וואסער“? און שלאָגט פאָר „Срубил дерево, плюх в воду“. פינוס האָט איבערזעצט „Хвать топором, бух в воду“ (6 באנד, ז. 125): ש״א פרעגט ווײַטער פינוסן: ווי איבערזעצן „רוף מיך קנאקניסל?“, אָדער „עס האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם?“ וועגן אן אָדעסער איבערזעצער, וואָס האָט איבערזעצט: „Зови меня щелкачем“ שרײַבט ש״א: „Хотел пустить в него сапог из Италии“. ער פרעגט פינוסן, ווי וועט ער איבערזעצן באם דריידל-שפּיל נגהייש (נס גדול היה שם), און שלאָגט פאָר: „Большое Чудо Совершилось там, Б — болван; Ч — чепуха; С — ставлю еще раз; Т — так выигрывают денежки“. פינוס שלאָגט ווידער פאָר: „В (великое) — выиграл; Ч — чур, бери половину; С — сиди на бобах; Т — теряй ставку“. קאסרי-לעווקע האָט ש״א געהייסן איבערזעצן Голодаевка, און אזוי איז טאקע געבליבן. ש״א האָט ענערגיש געקעמפט, און מיט רעכט, קעגן סענטימענטאליזמען אין דער איבערזעצונג פון זײַנע קינדער-דערציילונגען, און זידלט פינוסן פאַר „глазки“, אנשטאָט „глаза“, ער האָט געקעמפט קעגן „פאפא“ און „מאמא“ אפילע אין „מאָטל דעם כאזנס“ און פאַר „Мать, отец“, בלויז אין „מאָטל“ דערלויבט ער, אָבער בלויז פון צײַט צו צײַט, „מאמא“. א „בעהיימע“, הייסט ש״א איבערזעצן „Осёл“. „כאי געלעבט“ — „Веселися, Голодаевка“. אנשטאָט „Цымес“ הייסט ער איבערזעצן „Компот“. ער הייסט אויסמײַדן דאָס וואָרט „еврейчик“. ער הייסט אויסמײַדן אין רוסישן טעקסט דעם אָפטן „איר פארשטייט“ — „Вы понимаете?“ א. אז. וו. זײַן אָפּנייגונג קעגן רעליגיעז-שטייגערישע טערמינען דערגייט צו דעם, אז „מעלאַמעד“ הייסט ער איבערזעצן „учитель“, אָבער ווען פינוס האלט זיך בוכשטעבלעך דערבײַ און איבערזעצט אין האקדאָמע פון „קאָמיוואָיאזשאָר“: „איך בין ניט קיין מעכאבער, קיין מעלאָמעד, קיין באטלען“: „Я не сочинитель, не учитель, не бездельник“ זידלט ער אָפּ פינוסן: „איר זײַט אליין א מעלאָמעד“. קלאָר, אז דאָ האָט טאקע געדארפט קומען „Меламед“.

ש״א הייסט אויסמײַדן Ерунда (מאָטיוו: „слово пошлое“) און שרײַבן вздор. ער הייסט שרייבן Педоцур, ניט Пдоцур. אזוי שרײַבט טאקע פינוס. שאמבאדאל שרײַבט: Подгецур (!). אָדעס, 1929: Пдоцур.

באם איבערזעצן פון „טעוויען“ הייסט ש״א פינוסן פארגלײַכן אויך זײַן אייגענע העברייִשע איבערזעצונג, וואָס האָט זיך 1910 געדרוקט אין דער צײַטונג „הד הזמן“, און וואָס איז, לויט שאָלעם אלייכעמען, בעסער פון יידישן אָריגינאל.

3. ווײַטער דארף מען נעמען אין אכט, אז ש״א האָט געננוי און אופמערקזאם קאָרע-גירט פינוסעס איבערזעצונגען פאר די ווײַטערדיקע אויסגאבעס. צום יאָר 1913 האָט שוין דער ערשטער באנד אויסגעהאלטן דרײַ אופלאגעס, דער 2, 3, און 4-טער — צוויי אופלאגעס, אזוי אויך דער 7-טער. ד. ה., אז מע דארף נעמען אלס גרונט ניט די ערשטע, נאָר די ווײַטערדיקע אופלאגעס פון פינוסעס טעקסט.

4. ש״א פלעגט פאר דער רוסישער איבערזעצונג קעסיידער פון דאָסנײַ באארבעטן פארשיידענע טעקסטן, ד. ה., אז די וואריאנטירונג, וואָס מיר באגעגענען אין דעם פינוס-טעקסט, שטאמט ס׳ראָוו פון שאָלעם אלייכעמען אליין.

5. ס׳ראָוו — אָבער ניט אלעמאָל. פאראן אויסנאמען. אין אייניקע פאלן שטאמט די וואריאנטירונג פון פינוסן. עס פלעגט, נעמלעך, טרעפן, אז סע האָט זיך באקומען ווייניק

מאַטעריאַל פאַר א באַנד, און ש״א פלעגט צוקאָמפּלעקטירן מיט זאַכן, וואָס האָבן זיך ווייניק געפּאַסט צום אַלגעמיינעם טיטל פון באַנד. אַזוי צ. ב. זיינען אין די „קסאָוויס פון א קאָמיוואָיאַזשאָר" אין דער רוסישער אויסגאַבע אַריין „קאָל נידריי" („פּאַרנאַס"), אָדער „ווען איך בין ראָטשילד" — אין „די קליינע מענטשעלעך". אין אַזעלכע פאַלן פלעגט פּינוס, אַף שאָלעם אַלייכעמס ווונטש און אונטער זיין רעדאַקציע, צוגעבן אַריינפירן, וואָס זאָלן די זאַך אַריינפּאַסן אין אַלגעמיינעם פּלאַן פון באַנד. אַזוי זיינען אַנטשטאַנען אַריינפירן צו „ווען איך בין ראָטשילד", „פּאַרנאַס", אָבער אויך אַריינפירן צו „גימנאַזיע", „דער ניסרעף" א. אז. וו. דאָס דאָקומענטירט אונדזער קאָלעקציע בריוו, אָבער אויך לויטן סטיל איז לייכט צו דערקענען, אַז מיר האָבן דאָ ניט צו טאָן מיט א שאָלעם אַלייכעם-טעקסט.

## 4

אין אַלגעמיין איז פּינוסעס לאַגע געווען זייער א שווערע. קוידעמקאָל, איז שאָלעם אַלייכעמס טעקסט א האַרבע אויפגאַבע פאַר יעדן איבערזעצער. שאָלעם אַלייכעם האָט עס אַליין גוט פאַרשטאַנען, און ס׳טרעפט, אַז ער פאַרבראַקירט אייניקע זאַכן, אַרויסגייענדיק פון שטאַנדפּונקט, אַז זיי לאָזן זיך ביכלאַל ניט איבערזעצן, אַז דער ניט-ייִדישער לייענער וועט פון זיי קיין שום האַנאָע ניט האָבן (צ. ב. „צוויי שאַלעך-מאָנעסן"). צווייטנס, איז אויסגעקומען אייליק צו מאַכן די איבערזעצונגען — דער פאַרלאַג האָט געיאָגט, און סיי פּינוס, סיי שאָלעם אַלייכעם האָבן געאַרבעט מיט אַלע קויכעס. דאָס איז ביפראַט נויגייע 1910, ווען עס זיינען פאַקטיש דערשינען 4 בענדער אין מעשעך פון איין יאָר. מע האָט אויך געדאַרפט רעווידירן דעם שוין אָפּגעדרוקטן טעקסט פאַר נייע אויפלאַגעס. און פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס. עס האָבן זיך באַקומען א ריי קוריאָזן, און אויך די קאָרעקטור האָט שטאַרק געליטן, ביפראַט אין די בענדער 2-3. דריטנס, פלעגט זיך אָפט בייטן דער פּראָיעקטירטער צוזאַמענשטעל פון די בענדער. עס פלעגט זיך אָפט באַקומען ווייניקער מאַטעריאַל, ווי דער פאָרמאַט האָט געפאָדערט, און שאָלעם אַלייכעם פלעגט אין איילעניש צושיקן נייע זאַכן, האַרט פאַרן שלוס פון באַנד. נאָך א טעווע האָט געהאַט ש״א, די טעווע פון אַסאַך שרייבער: די לעצט אָנגעשריבענע זאַך האָט זיך אים געדוכט צו זיין אויך די בעסטע, און ער פלעגט טייקעף וועלן זי זען אויך אין רוסיש — וואָס פלעגט ווידער פאָדערן אַן איילִיקע איבערזעצונג. אינמיטן דערינען פלעגט שאָלעם אַלייכעם צושיקן אויך א נייעם וואַריאַנט פון שוין א פאַרטיקער זאַך צום דרוקן. פערטנס, איז פּינוס, ביפראַט באַ די ערשטע בענדער, נאָך געווען א ווייניק דערפאַרענער איבערזעצער. ער איז אָפט דורכגעפאַלן מיט „ייִדישיזמען" אין זיין רוסיש. אַזוי, צ. ב.. געשריבן: „ему болит голова", „он не снимал с меня глаз" (I—249), „Алта слушает с большими глазами" (I, 157), „платоучение" (I, 193) אָנשטאָט: „у него голова болит", „не сводил глаз" א. א. וו.

דערויף האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט פאַרשיידענע רעצענזענטן, אַשטייגער ס. מ—סקאַיא אין „יעוור. מיר", 1910, 1-3 [1]). פּינוס פלעגט מאַכן גרייזן אויך אין די העברעיִשע טערמינען, אַזוי צ. ב. געשריבן אין באַנד 3, ז. 195 „רעגאָלים" אָנשטאָט „ראַגלאַיִם". ביפראַט האָט אויפגעבראַכט שאָלעם אַלייכעמען די מייסע מיטן „פּעטשאַטעק", — „כאָטש א פּעטשאַטעק" זעצט איבער פּינוס: „Эх, кабы печатку достать" („מאָטל דעם כאַזנס", פּינוסעס איבערזעצונג, I באַנד, 72). „פּעטשאַטעק" — אַן אָנהייב, א האַסכאָלע, האָט פּינוס פאַרביטן מיט א שטעמפּל!

שאָלעם אַלייכעם האָט פאָרויסגעזען, אַז פּינוסעס „איבערזעצונג וועט מער געפעלן ווערן די גוים, ווי די ייִדן. די ייִדן וועלן טאָמיד האָבן פּרעטענזיִעס: „און דאָך איז עס ניט דאָס וואָס אין ייִדיש". און אַזוי איז טאַקע געשען. די ניט-ייִדישע רעצענזענטן האָבן גראָד געלויבט פּינוסעס איבערזעצונג. א געוויסע פרוי מירקאָוויטש האָט געפונען, אַז די איבער-

---

1) מ־נאַסטאַם סאָפּיע דובנאָוו־ערליך. איר רעזיומע איז: „Любовно, обдуманно должна была быть она переведена... К сожалению, перевод, в общем беглый и живой, не удовлетворяет этим требованиям".

זעצונג איז אויסגעצייכנט. און מאַקסים גאָרקי, באַקומענדיק דעם ערשטן באַנד „Дети черты“ האָט אָנגעשריבן צו שאָלעם אַלייכעמען דעם פֿאָלגנדיקן בריוו:

Capri, 21 IV—1910 г.

Искренно уважаемый собрат!

Книгу Вашу получил, прочитал, смеялся и плакал — чудесная книга! Перевод, мне кажется, сделан умело и с любовью к автору, хотя местами чувствуется, что на русском языке трудно передать печальный и сердечный юмор оригинала. Я говорю — чувствуется.

Книга мне сильно нравится — еще раз скажу — превосходная книга! Вся она искрится такой славной, добротной и мудрой любовью к народу, а это чувство так редко в наши дни.

Искренно желаю вашей книге успеха, — не сомневаясь в нем.

Крепко жму руку.

М. Горький.

אין אַלגעמיין האָט שאָלעם אַלייכעם גאַנץ ניכטער, גאַנץ פּאָרזיכטיק זיך באַצויגן צו זײַן איבערזעצער. ווען ער שרײַבט צו פּינוסן, אַז ער איז זײַן „ריכטיקער איבערזעצער“, איז אין דעם קאָמפּלימענט אַביסל פּאַראַן דער ווילן ניט אײַנצורײַסן מיטן ענערגישן און איבערגעגעבענעם איבערזעצער, אַביסל אָבער אויך אויפֿריכטיקײַט, די פֿאַרשטענדעניש, אַז פּינוס שטייט דאָך מיט צען קעפּ העכער פֿון פֿאַרשיידענע אַנדערע זײַנע איבערזעצער. אין אונדזער קאָלעקציִע געפֿינט זיך, צ. ב., שאָלעם אַלייכעמס אַן אויפֿגערעגטער בריוו צו אַ ניט געבעטענער איבערזעצערקע, אַ געוויסער אָרלאָנסקאַיאַ, וואָס האָט אין זשורנאַל „Искорка“ נום. 26 פֿאַרן יאָר 1910, צ. ב. געגעבן אַזאַ בלעטל שאָלעם אַלייכעם אין רוסיש: „Таких у кого бы никого не было, таких у меня благодарение богу ни одной нет“.

באַקומענדיק דעם ערשטן באַנד פֿון פּינוסעס איבערזעצונג, איז שאָלעם אַלייכעם אַריין אין היספּײַלעס. ער שרײַבט טייקעף אַ בריוו פּינוסן, פֿול מיט ליבּ-געזאַנגען: (10 מאַרט, 1910) „איך קען בלויז זיך אַליין רימען. קיינמאָל האָט מיך ניט אָפּגענאַרט מײַן געפֿיל. איך האָב אין אַ פֿריִערדיקן בריוו געשריבן, אַז ס'פֿילט מײַן האַרץ, אַז *איר זײַט מײַן איבערזעצער*. איך האָב ניט געהאַט קיין טעות. אײַער איבערזעצונג איז *אויסגעצייכנט*. אויסגעצייכנט דערפֿאַר, וואָס *בעסער איבערזעצן פֿון ייִדיש קען מען ניט*. איך נעם אײַך אַרום און קוש אײַך ברידערלעך...“ [1]). אַ פּאָר טעג שפּעטער שרײַבט ער שוין אָבער גאַנץ ניכטער, קריטיקירט שאַרף אַ ריי פֿעלערן פֿון דער איבערזעצונג, קלאָגט זיך, לעמײַ האָט פּינוס אים פֿריִער ניט געשיקט די קאָרעקטור. בענוגייע דעם צווייטן באַנד האָט שאָלעם אַלייכעם געהאַלטן, אַז ער איז ערגער איבערגעזעצט פֿון צווייטן, זייער צופֿרידן איז ער דאַקעגן געווען פֿון דריטן און די ווײַטערדיקע בענדער.

מע דאַרף אָבער פֿאַרצייכענען, אַז פּינוס איז געווען גענוג זעלבשטענדיק אין זײַן איבערזעצערישער אַרבעט. אַמאָל פֿלעגט ער אָננעמען שאָלעם אַלייכעמס אַ פֿאָרשלאָג אָדער אויסבעסערונג, אַמאָל אָבער אַקשאָנעסדיק זיך געהאַלטן בײַ דער אייגענער מיינונג, און ניט נאָכגעגעבן שאָלעם אַלייכעמען. ער פֿלעגט אויך אָפֿט (און ס'ראָוו ריכטיק) אָנווײַזן שאָלעם אַלייכעמען אויף שוואַכע, בלאַסע שטעלן אין זײַנע ווערק, און אַמאָל אַפֿילו פֿאָרלייגן פֿאַרבראַקירן אייניקע נאָוועלן. די דאָזיקע קריטיק האָט שאָלעם אַלייכעם אויפֿגענומען גאַנץ גערן, און ס'ראָוו מאַסקים געווען מיט פּינוסן. פּינוס האָט צ. ב. פֿאָרגעשלאָגן שאָלעם אַלייכעמען פֿאַרקלענערן די צאָל אַנעקדאָטן אין דעם אַרײַנפֿיר צו „די קליינע מענטשעלעך“, קירצן דעם „פֿאַרקישעפֿטן שנײַדער“, קירצן „לאַגבוימער“, אים איז אויך ניט געפֿעלן געוואָרן דער סאָף פֿון דער „גרויסער בעהאָלע פֿון קליינע מענטשעלעך“ — און שאָלעם אַלייכעם האָט געפֿאָלגט. אַזוי אַרום באַקומען מיר אין דער קאָלעקציִע אייניקע שטריכן אויך צו

---

1) שאָלעם אַלייכעמס קורסיוו.

שאָלעם אליכעמס „זעלבסטקריטיק“: שאָלעם אליכעם איז, צ. ב., שטאַרק אנטוישט אין זײַן „ערשטן ארויספאָר“. און ער שרײַבט, אז ער האָט זיך געמאטערט באם איבערמאכן, און ס'האָט זיך דאָך באקומען „זייער א שוואכע זאך, ביפראט נאָך „מאָטל דעם כאזנס“ (בריוו פון 25-טן מארט 1910). שאָלעם אליכעם האלט, אז „לאָנדאָן“ פאָדערט „א שטארקן רעמאָנט, צו בלייך אין אינהאלט“ (בריוו פון 28-טן סענטיאבער 1911). וועגן „מאבל“ שרײַבט שאָלעם אליכעם מיט דער דאטע פון 25-טן פעווראל 1912: „זייער א גרויסער ראָמאן. מע דאַרף אים קירצן און ביכלאל רעמאָנטירן, וואָס כ'וועל אויך טאָן“. דאקעגן האָט שאָלעם אליכעם אין יאָר 1910 געשריבן די „בלאָנדזשענדע שטערן“, און ער איז פול מיט באגײַסטערונג פון זײַן נײַעם ווערק: „א קאָלאָסאל ווערק. כ'לייג אין אים ארײַן דעם גאנצן זאפט. מיט דעם ווערק וויל איך זיך אליין דערווײַזן, אז איך האָב בעעמעס וואָס עס איז אופגעטאָן. צי וועט זיך עס אײַנגעבן? מירן זען“. (4 אָקטיאבער 1910).

עס האָט זיך, ליידער, ניט אײַנגעגעבן, פונקט ווי קיין שום ראָמאן איז בא שאָלעם-אליכעמען ניט געראָטן. אָבער דאָס געהערט שוין ניט צו דער טעמע „שאָלעם אליכעם און זײַן איבערזעצער“.

———

<u>נ. ר.</u>

## שאָלעם-אליכעם־איבערזעצונגען אין סאָוועטנפארבאנד זינט דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

דידאָזיקע רעשימע איז צענויפגעשטעלט געוואָרן אפן סמאך פון דעם אלפבייז-קאטאלאָג אין דעם ייִדישן אָפטייל בא דער ווײַסרוסישער מעלוכע-ביבליאָטעק. מע דאַרף רעכענען, אז די רעשימע איז ניט אינגאנצן קיין פולע, דערפאר ווײַל די וו. מ. ב. האָט אָנגעהויבן באקומען א פליכט-עקזעמפליאר פון יעדער אויסגאבע, וואָס גייט ארויס אין סאָוועטן-פארבאנד, ערשט אין אָנהייב 1922 (דערבײַ איז קעדײַ צו האָבן אין זינען, אז ערשט צום סאָף 1922 האָט זיך ענדגילטיק אײַנגעשטעלט דאָס פינקטלעכע און פולע באקומען פון אלע אויסגאבעס. פון יאָר 1922 פעלן אָבער אסאך אויסגאבעס אין דער וו. מ. ב.). עס קען דעריבער געמאָלט זײַן, אז אין די יאָרן 1917—1922 זײַנען ארויס וועלכע עס איז שאָלעם אליכעמס ווערק אין רוסיש אָדער אוקראַיִניש, וואָס זײַנען אין דער וו. מ. ב. ניטאָ. מע קען אָבער מיט זיכערקײַט זאָגן, אז אויב אזעלכע זײַנען יע געווען, איז זייער ווינציק. ווי עס איז צו זען פון דער רעשימע און בײַגעלייגטער טאבעלע, איז אפילע אין די יאָרן 1923—1924 ניט ארויס קיין איין באזונדער בוך שאָלעם אליכעמס ניט אין רוסיש און ניט אין אוקראַיִניש.

אָט איז א קליינע טאבעלע פון דעם, ווי עס איז געוואקסן די צאָל שאָלעם-אליכעם-אויסגאבעס אין רוסיש און אין אוקראַיִניש.

| | 1923 | 1924 | 1925 | 1926 | 1927 | 1928 | 1929 | 1930 | סאַכאַקל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| רוסיש . . . . . | — | — | 2 | 4 | 4 | 8 | 10 | 2 | 30 |
| אוקראַיִניש . . . . | — | — | — | — | — | 6 | 3 | 18 | 27 |
| סאַכאַקל . . . | — | — | 2 | 4 | 4 | 14 | 13 | 20 | 57 |

פון דער טאבעלע איז צו זען, אז דער אינטערעס צו שאָלעם אליכעמען, בא די רוסישע און אוקראַיִנישע פארלאגן (פארשטייט זיך: אין רעזולטאט פון דעם אינטערעס צו ש"א מיצאד דעם רוסישן און אוקראַיִנישן לייענער), איז אויסגעוואקסן דעריקער נאָכדעם, ווי אין ראטן-פארבאנד איז אין 1926 ברייט דורכגעפירט געוואָרן שאָלעם אליכעמס 10-טער יאָר-צײַט. אויב מיר האָבן אין 1926 און 1927 צו פיר רוסישע אויסגאבעס, האָבן מיר שוין אין 1929 — 10. דערבײַ איז צו באמערקן, אז אין 1930 איז די צאָל רוסישע אויסגאבעס געפאלן ביז צוויי. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס ארויסגעגעבן ש"א אין רוסיש האָט דעריקער א פריוואטער פארלאג („פוטשינא“), וואָס איז אין פעריאָד פון סאָציאליסטישן אָנגריף ארויסגעשטופט געוואָרן פון זײַנע פאָזיציעס. ס'איז נאָר צו באדויערן, וואָס מיט ארויסגעבן

ש״א אף רוסיש האָבן זיך ווייניק פאַרנומען מעלוכישע פאַרלאַגן, דעריבער איז די צאָל ש״א אויסגאַבעס אַזוי נידעריק געפאַלן אין 1930.

פאַר דעם פּריוואַטן, געשעפטמאַכערישן פאַרלאַג „פּוטשינאַ" איז אויך כאַראַקטעריסטיש די זייער נידעריקע קוואַליטעט פונעם גרעסטן טייל זײַנע אויסגאַבעס און דאָס יאָגן זיך אַרויסצוגעבן דעריקער „גראָבע", „גוט-גייענדיקע" ביכער, דערבײַ ניט גרויסע (פאַר דעם ר ו ס י ש ן ביכערמאַרק) טיראַזשן.

ניט אַזוי איז אָבער מיט די אויסגאַבעס פון ש״א אין אוקראַיִניש; דאָ פאַרנעמען זיך דעריקער דערמיט מעלוכישע און געזעלשאַפט/עכע פאַרלאַגן, און גיבן דעריבער אַרויס אויסגאַבעס, אײַנגעגלידערטע אין אַלגעמיינע סעריעס (ווי לעמאַשל, „ביליקע ביבליאָטעק פון שיינער ליטעראַטור", „ביבליאָטעק ייִדישע שרײַבער", „ביבליאָטעק אַלוועלטלעכע ליטעראַטור", אומזיסטער צולאָג צו א צײַטונג אדג.), אויסגערעכנט פאַרן מאַסן-לייענער. ניט קיין „גראָנע" בענדער, אָבער אין גרויסע טיראַזשן: צו 20 און אַפילע צו 30 טויזנט עקזעמפּליאַרן. און דערפאַר איז אויך כאַראַקטעריסטיש דאָס, וואָס אין אוקראַיִניש איז אין 1930, ווען די דרוק-פּראָדוקציע פון די מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע פאַרלאַגן איז געוואַלטיק אויסגעוואַקסן, די צאָל ש״א-אויסגאַבעס—18, אין דער צײַט, ווען אין רוסיש איז זי געפאַלן ביז צוויי (בײַס דידאָזיקע שורעס ווערן געשריבן, האָט די וו. מ. ב. נאָך ניט באַקומען די גאַנצע צאָל אויסגאַבעס פון 1930, אָבער מע קען מיט זיכערקײַט זאָגן, אַז דאָס בילד, אין אַלגעמיין, וועט זיך ווייניק וואָס ענדערן אויך דעמלט, ווען ס'וועט שוין באַוווסט זײַן די פולע צאָל אויסגאַבעס פון 1930).

אין ווײַסרוסיש איז סאַכאַקל אַרויס איין בוך שאָלעם אַלייכעמס (אין 1930) „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" אין ז. ביאַדולעס איבערזעצונג. דאָס בוך האָט פריער, בײַס ש״א 10-טן יאָר-צײַט, זיך געדרוקט אין דער מינסקער צײַטונג „סאָוויעצקאַיאַ בעלאַרוס".

## ר ו ס י ש ע   א ו י ס ג א ב ע ס.

*Шолом Алейхем.*—Актеры. Роман. (Из серии „Блуждающие звезды"). Авторизованный перев. с еврейск. Я. Слонима. Под ред. Д. Гликмана. Москва. „Пучина". 1928. 266 стр. 5.650 экз., 1 р. 50 к., обложка: С. Мальт.

*Шолом Алейхем.*—Актеры. Роман. (Из серии „Блуждающие звезды"). Авторизованный перев. с еврейск. Я. Слонима. Под ред. Д. Гликмана. 2-е изд. Москва. „Пучина" 1929. 272 стр. 3.750 экз. 1 р. 50 к. Обложка: С. Мальт.

*Шолом Алейхем.* — Скитальцы. Роман (из серии „Блуждающие звезды"). Авторизованный перев. с еврейск. Я. Слонима. Под. ред. Д. Гликмана. Москва. „Пучина". 1927. 262 стр. 5.650 экз.

*Шолом Алейхем.*—Скитальцы. Роман. (Из серии „Блуждающие звезды"). Авторизованный перев. с еврейск. Я. Слонима. Под. ред. Д. Гликмана. 2-е изд. Москва. „Пучина". 1929. 280 стр. 3750 экз. 1 р. 50 к. Обложка: В. Смирнов.

*Шолом Алейхем.*—Выигрышный билет. (Рассказы). Перевели с еврейск. Я. Слоним и М. Шамбадал. Под. ред. Д. Гликмана. Москва. „Пучина". 1930. 217 стр. 4500 экз. 1 руб. 35 коп. Обложка: Е. Хигер.

*Шолом Алейхем.*—Дачники. Пер. М. Шамбадала. Под. ред. Д. Гликмана. Москва. „Пучина". 1930. 224 стр. 4500 экз. 1 руб. 35 коп. Обложка: Е. Хигер.

*Шолом Алейхем.* — Еврейское счастье. Перев. с еврейск. М. Шамбадала. Под ред. Д. Гликмана. Москва. „Пучина". 1929. 272 стр. 5.650 экз. 1 руб. 50 коп. Обложка: Е. Хигер.

*Шолом Алейхем.*—Заколдованный портной. (Рассказ). Перев. с еврейск. С. Гехта. Москва и Ленинград. „Земля и Фабрика". 1926. 29 стр. 10.000 экз. 10 коп. (Б-ка Сатиры и Юмора). Обложка: Константин Елисеев.

*Шолом Алейхем.* — Записки коммивояжера. (Сборник рассказов). Единственный разреш. и одобрен. автором перевод с евр. И. Ю. Пинуса. Харьков. „Космос". 1928. 222 стр. 10.000 экз. 1 р. 20 к. Обл.: Л. Каплан.

*Шолом Алейхем.*—Злоключения Менахем-Менделя. (Повесть в письмах). Новый перевод под ред. Н. М. Осиповича. Одесса. „Культура и труд". 1929. 160 стр. 3.500 экз. 1 руб. 10 к. (Б-ка евр. писателей. Избранные сочинения. Серия I. т. II) Обл.: С. Гольдман.

*Шолом Алейхем.* — Избранные сочинения. Под. ред. И. Бабеля. т. I (Рассказы). Перев. с еврейск. С. Гехта. Москва—Ленинград „Земля и Фабрика". 1926. 168 стр. 7.000 экз. 70 коп. Обложка: Н. Альтман.

*Шолом Алейхем.* — Избранные сочинения. Под ред. И. Бабеля. Т. II. Перев. с еврейск. С. Гехта. Москва—Ленинград. „Земля и Фабрика". 1927. 174 стр. 6.000 экз. 70 коп. Обложка: Н. Альтман.

*Шолом Алейхем.*— Посэлэ Соловей. Роман. Авторизованный перев. с еврейск. Я. Слонима. Под ред. Д. Гликмана. Москва. „Пучина". 1929. 317 стр. 5.650 экз. 1 р. 70 к. Обложка: В. Щеглов.

*Шолом Алейхем.*—Касриловка. (Повесть). Перев. с еврейск. Я. Слонима. Под ред. Д. Гликмана. Москва. „Пучина„ 1929. 217 стр. 5.650 экз. 1 руб. 30 коп. Обложка: Е. Хигер.

*Шолом Алейхем.*—Кровавая шутка. Роман. Перев. Д. Гликмана. Москва. „Пучина": 1928. 365 стр. 9.850 экз. 2 руб. Обложка: С. Мальт.

*Шолом Алейхем.*—Кровавая шутка. Роман. Перев. Д. Гликмана. Москва. „Пучина". 1929. 365 стр. 4.500 экз. 2 руб. Обложка: А. Федулов.

*Шолом Алейхем.* - Мальчик Мотл. (Повесть. Перев. Б. Маршака). Предисл. И. Нусинова. Москва—Ленинград. Госуд. изд-во. 1926. 256 стр. 3.000 экз. 1 руб. Обложка: М.

*Шолом Алейхем.*—Мальчик Мотл. Перев. Б. Маршака. Предисл. И. Нусинова. Изд. 2-е. Москва-Ленинград. Госуд. изд-во. 1927. 257 стр. 7.000 экз. 85 коп., папка 15 коп. Папка: М.

*Шолом Алейхем.* — Потоп. „Мабул". Роман. Авторизован. перев. с еврейск. Я. Слонима. Редакция Андрея Соболя. Москва. „Пучына". 1927. 292 стр. 5.650 экз. 1 руб. 75 коп. Обложка: М. Либаков.

*Шолом Алейхем.*—Потоп. Роман. Авторизованный перев. с еврейск. Я. Слонима. 2 изд. Москва. „Пучина". 1928. 298 стр. 3.150 экз. 1 руб. 75 коп.

*Шолом Алейхем.*—Рассказы о детях. Странички прошлого. Сборник рассказов, перевод с еврейск. Редакция К. Бархина. Одесса. Гос. изд. Укр. 1925. 72 стр. 5.000 экз., 42 коп.

*Шолом Алейхем.*—Рассказы. Одл. Шмулик. Перев. Э. Бондарчук. Москва-Ленинград. Госуд. Изд-во. 1928. 40 стр. 20.000 экз., 7 коп. (Б-чка классиков. Под общ. ред. П. С. Когана, И. Н. Кубикова и Н. К. Пиксанова).

*Шолом Алейхем.*—С ярмарки. Роман—автобиография с портр. Шолом-Алейхема. Перев. дочери автора Л. Койфман. Под ред. Д. О. Гликмана. Москва. „Пучина". 1928. 272 стр. 3.650 экз. 1 руб. 50 коп. Обложка: В. Щеглов.

*Шолом Алейхем.*—Сквозь слезы. Избранные рассказы. Перев. с еврейск. Ю. И. Пинуса. Под ред. и [с] вступ. статьей Андрея Соболя. Москва. „Современные Проблемы" Н. А. Столляр. 1925. VIII, 168 стр. 3.000 экз. 1 руб.

*Шолом Алейхем.*—Сквозь слезы. Избранные рассказы. Перев. с еврейск. Ю. И. Пунуса. Под ред. и вступ. статьей Андрея Соболя. Москва „Современные Проблемы" Н. А. Столляр, 1925. VIII, 168 стр. 3000 экз. 1 руб.

*Шолом Алейхем.*—Стэмпэню. Роман. Авторизованный перев. с еврейск. Я. Слонима. Ред. Д. Гликмана. Москва. „Пучина". 1928. 336 стр. 5.650 экз. 1 руб. 80 коп. Обложка: Е. Хигер.

*Шолом Алейхем.* — Тевье и его дочери. (Повесть). Новый перевод под ред. Н. М. Осиповича. (Одесса). „Культура и труд". 1929. 160 с. 3.475 экз. 1 руб. 10 коп. Обложка: С. Гольдман.

*Шолом Алейхем.* — Тевье молочный. Роман. Перев. с еврейск. М. Шамбадала. Ред. Д. Гликмана. Москва. „Пучина". 1929. 221 стр. 5.650 экз. 1 руб. 30 коп. Обложка: Е. Хигер.

*Шолом Алейхем.* Царствие небесное. (Рассказы). Авторизованный перев. с еврейск. Я. Слонима. Под ред. Д. Гликмана. Москва. „Пучина". 1929. 272 стр. 5.650 экз. 1 р. 60 к. Обложка: Е. Хигер.

*Шолом Алейхем.* — Шестьдесят шесть. (Рассказы). Перев. с еврейск. С. Гехта. Москва—Ленинград. „Земля и Фабрика". 1926. 29 стр. 10.000 экз. Обложка: Константин Елисеев.

## אוקראַיִנישע אויסגאַבעס.

*Шолом Алейхем.*—Адель. Із циклю „Тев'є молочар". Переклав з євр. Е. Райцин. (Харків.) „Книгоспілка" 1930. 32 с. 20 000 пр. 7 к. Обкл.: М. Бланк.

*Шолом Алейхем.* — Велика удача. (Оповідання). Пераклав з євр. Е. Райцин. (Харків). „Книгоспілка" 1930. 32 с. 20.000 пр. 7 к.

*Шолом Алейхем.*—Вітайте, ми вже в Америці. (Оповідання). Перекл. з євр. мови Е. Райцин. (Харків). „Книгоспілка". 1930. 48 с. 20.000 пр. 10 к.

*Шолом Алейхем.* — Вибрані твори. Упорядкував Д. Ф. Переклав. Е. Райцин. Харків. Держ. вид-во України. 1930. 236 с. 7.000 пр. 85 к.

*Шолом Алейхем.* Виграшний квиток. (Оповідання). Пераклав з євр. Е. Райцин. (Харків). „Книгоспілка" 1930. 48 с. 20.000 пр. 10 к.

*Шолом Алейхем.*—Гімназія. (Оповідання). (Харків). „Українский робітник". (1930). 32. с. 25.000 пр. 5 к. (Дешева б-ка красного письменства № 333).

*Шолом Алейхем.* — Два антисеміти (та інші оповідання). (Харків). „Українські робітник". (1928). 76 с. 7.160 пр. 15 к. (Дешева б-ка красного письменства № 131—133).

*Шолом Алейхем.*—Етап.]Німець. (2 оповідання). (Харків). „Українськиії робитнік". (1928). 80 с. з портр. автора. 7.160 пр. 15 к. (Дешева б-ка красного письменства № 137—139).

*Шолом Алейхем.*—Іди собі! (Оповідання). Пераклав з євр. Е. Райцин. (Харків). „Книгоспілка". (1930). 24 с. 20.000 пр. 6 к. Обкл.: худ. Білопольский.

*Шолом Алейхем.* — Йосип. (Оповідання). Пераклав з євр. Е. Райцин. (Харків). „Книгоспілка". (1930). 32 с. 20.000 пр. 7 к. Обкл.: М. Бланк.

*Шолом Алейхем.* — Комедії. Пераклад з євр. і з статтею про Шолом Алейхема. Гр. Михайіленя. (Харків). Держ. вид-во України. 1929. 264 с. 3.000 пр. 1 руб. 25 коп. Обкл.: М. Бланк.

*Шолом Алейхем.*—Лихі пригоди Менахем-Менделя. (Оповідання). Пераклад В. М. За ред. Н. М. Осиповича. (Одеса). „Культура й труд". 1929. 64 с. 3.000 пр. 40 к. (Б-ка євр. письменників).

*Шолом Алейхем.* — Мені добре — я сирота. Післяслово Б. Цуккера. (Харків). „Український робітник". 1930. 126 с. 20.000 пр. 20 к. (Дешева б-ка красного письменства № 364—367).

*Шолом Алейхем.* — Мій перший роман (та інші) вибрані оповідання. За ред. Д. Фельдмана. З передмовою Н. Нусінова. Перекл. з євр. Е. Райцина. (Харків). „Український робітник". 1928. XVI, 172 с. 3.160 пр. 1 р. 25 к.

*Шолом Алейхем.*—Нівроку. (Оповідання). (Харків) „Українськиії Робітник" (1930). 14 с. 20.000 пр. 3 к.

*Шолом Алейхем.* — Німець. Оповідання. Перекл. з євр. мови. (Харків). „Книгоспілка". (1929). 24 с. 15.000 пр. 5 к.

*Шолом Алейхем.* — Пісня пісень. (Оповідання). Переклав з євр. Є. Райцин. Харків. „Книгоспілка". 1930. 62 с. 20.000 пр. 12 к.

*Шолом Алейхем.* — Порада. (Оповідання) Переклав з євр. Е. Райцин. (Харків). „Книгоспілка". (1930). 24 с. 20.000 пр. 6 к.

*Шолом Алейхем.* — Порада. (Ша, мі їдем до Америки 2) оповідання. Перекл. з євр. В. Атаманюк і Б. Шабашкевич. (Київ, газ. „Пролетарська правда"). (1928). 48 с. 30.000 пр.

*Шолом Алейхем.*—Потоп. (Роман). Переклад з євр. мови Гершбіна та Милоченка. Вступ. стаття Гершбіна. (Київ). „Сяйво". (1928). 188 с. 2.600 пр. 1 р. 20 к. Обкл.: Пустовійт. (Б-ка всесвітньої літератури).

*Шолом Алейхем.* — Сімдесят п'ять тисяч. (Оповідання). Переклад з євр. А. Стоямівського. Харків — Київ. „Книгоспілка". 1930. 88 с. 5.000 пр. 35 к. Обкл.: худ. Т. Москальов. (Б-ка для всіх).

*Шолом Алейхем.* — Слово по слові. (Оповідання). Переклав Я. Вишневецький. (Харків) „Український робітник". (1930). 32 с. 15.000 пр. 5 к. (Дешева б-ка красного письменства № 339).

*Шолом Алейхем.*—І. То брехня. ІІ. Через шапку. (Оповідання). Переклав з євр. Е. Райцин. (Харків). „Книгоспілка". 1930. 24 с. 20.000 пр. 6 к. Обкл.: худ. Б. Белопольский.

*Шолом Алейхем.* — Три календарі. (Оповідання). Переклав з євр. Е. Райцин. „Книгоспілка". (1930). 32 с. 20.000 пр. 7 к.

*Шолом Алейхем.* — Тринадцать сполучених штатів. (Оповідання). Переклад з євр. (Харків). „Українськиії робітник". (1928). 76 с. 7.160 пр. 15 к. (дешева б-ка красного письменства № 134—136).

*Шолом Алейхем.*—У лікаря. (Оповідання). Переклав з євр. Е. Райцин. Харків. „Книгоспілка". (1930). 16 с. 20.000 пр. 4 к.

*Шолом Алейхем.* — Шістдесят шість. (Оповідання). Переклав з євр. Е. Райцин. (Харків. „Книгоспілка"). (1930). 16 с. 20.000 пр. 4 к.

## ווײַסרוסישע אויסגאַבעס.

*Шолом Алейхем.*—Хлопчык Мотка. З яўр. мовы перакл. З. Бядуля. Менск. Бел. Дзярж. Выд-ва. 1930. 146 стар. 7.000 экз. 40 к. (Бібліотэка школьніка).

# אינהאלט


| | זייט |
|---|---|
| ב. אָרשאַנסקי — די ייִדישע פּאָעזיִע אין ווײַסרוסלאַנד נאָך דער רעוואָליוציִע | 65— 1 |
| ג. יאבּראָוו — צו דער עוואָליוציִע פון כאריקס פּאָעזיִע | 83— 67 |
| כ. דונעץ — די פּראָבלעם פון אינטעליגענץ בא גאָדינערן | 95— 85 |
| י. נוסינאָוו — וועגן סטיל און זשאַנער פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור | 124— 97 |
| מאקס עריק — וועגן סאָציִאלן מעהוס פון אקסענפעלדס שאפן | 169—125 |
| י. רימיניק — א קאפּיטל אקסענפעלדס ביִאָגראפיִע | 176—171 |
| די סעריִע דאָקומענטן פון יאָר 1842—1840 | 180—176 |
| י. רימיניק — צו דער געשיכטע פונעם „פוילישן ייִנגל״ | 198—181 |
| מ. גריידענבערג — פארצייכענונגען וועגן מײַן פאָטער (די ביִאָגראפּיע פון י. י. לינעצקי) | 210—199 |
| י. בראָנשטיין — אווראָם-אורי קאָוונער | 243—211 |
| ז. סקודיצקי — וועגן פאָלק-איבעראַבעטונגען פון גאָטלאָבערס לידער | 255—245 |
| י. דאָבּרושין — סאָציִאלע עוואָליוציִע פון דער ייִדישער וויג-ליד | 284—257 |


## ביבליִאָגראפיִע


| | |
|---|---|
| מאקס עריק — נײַע מאטעריִאלן וועגן אייכלען | 294—285 |
| י. בּראָנשטיין — ליטעראריש-קריטישע סאכאקלען | 312—295 |


## פון אונדזער ארכיוו


| | |
|---|---|
| מענדעלע מויכער ספאָרימס בריוו | 42— 1 |
| פון גאָטלאָבערס ליטעראַרישער יערושע | 77— 43 |
| מ. עריק — שאָלעם אלייכעם און זײַן איבערזעצער | 91— 79 |

# ЗЬМЕСТ


*Стар.*

**Б. Аршанскі** — Яўрэйіская поэзія ў Беларусі пасьля рэволюцыі . . . . 1— 65
**Г. Яброў** — Да эволюцыі поэзіі Харыка . . . . . . . . . 67— 83
**Х. Дунец** — Проблема інтэлігенцыі ў Гадынера . . . . . . . 85— 95
**І. Нусіноў** — Аб стылі і жанры пролетарскай літаратуры . . . . 97—124
**Макс Эрык** — Аб соцыяльнаі сутнасьці творчасьці Аксэнфэльда . . 125—169
**І. Рымінік** — Глава з біографіі Аксэнфэльда . . . . . . . 171—176
Сэрыя документаў з 1840—1842 г.г. . . . . . . 176—180
**І. Рымінік** — Да гісторыі „Pojliser jingl“ . . . . . . . . 181—198
**М. Грэйданберг** — Нататкі аб маім бацьку (біографія І. І. Лінецкага) . 199—210
**І. Бронштэйн** — Абрам Уры Коўнэр . . . . . . . . . . 211—243
**З. Скудыцкі** — Аб народных перарабленьнях вершаў Готлёбэра . . 245—255
**І. Дабрушын** — Соцыяльная эволюцыя яўрэйскіх песян-калыханак . . 257—284


## БІБЛІОГРАФІЯ


**Макс Эрык** — Новыя матар'ялы аб Эйхалю . . . . . . . 285—294
**І. Бронштэйн** — Літаратурна-крытычныя ітогі . . . . . . . 295—312


## З НАШАГА АРХІВУ


Лісты Мэндале-Мойхер-Сфорыма . . . . . . . . . . . . 1— 42
З літаратурнай спадчыны Готлёбэра . . . . . . . . . . 43— 77
**М. Эрык** — Шолам Алейхем і яго перакладчык . . . . . . . 79— 91

## ייִדסעקטאָר פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע

# לעצטע אויסגאַבעס:

1. **ייִדן אין ווססר.** סטאַטיסטיסטישע מאַטעריאַלן. 154 זײַטן, מינסק, 1930.
2. **די ראַבאַנים אין דינסט פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל.** 56 ז., מינסק, 1930.
3. **„צײַטשריפט“** באַנד 4: אָפּטייל היסטאָרישע און סאָציאַל-עקאָנאָמישע. 401 ז., מינסק 1930.

אינהאַלט:

פאָרוואָרט.

**ש. דימאַנשטיין** — סטאַלין, ווי א באָלשעוויסטישער טעאָרעטיקער פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

**פּראָפ. י. סאָסיס** — די ייִדישע באַלמעלאָכעס און זייערע אַרבעטער אין ליטע, ווײַסרוסלאַנד און פּוילן.

**ה. אלעקסאַנדראָוו** — די ייִדישע באַפעלקערונג אין ווײַסרוסלאַנד אין דער דער צײַט פון די צעטיילונגען פון פּוילן.

**ל. האַלאָמשטאָק** — דער ייִדישער לעבנשטייגער אין 18-טן יאָרהונדערט.

**ה. אלעקסאַנדראָוו** — דיערזשאַוועס און קאָהאָל.

**ה. א.** — קאַזיאָנע ייִדישע שולן און רעקרוטשינע.

**טש.** — די לאַגע פון די מינסקער האַנדל-אָנגעשטעלטע אין די 80־ער יאָרן.

**טש.** — א שטרײַק פון די פּינסקער אײַזנבאַן-אַרבעטער אין 1893 אָר.

**ק. האָדאָשעוויטש** — דער „ראַזבאָר“ פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אי־וויטעבסקער גוב.

**יא פּייקין** — אייניקע סאַכאַקלען פון דער דעמאָגראַפישער ציילונג פון 1926 יאָר.

**ה. אלעקסאַנדראָוו** — די ייִדישע באַפעלקערונג אין מינסק לויט די פאָלקן ציילונגען פון 1897 און 1926.

**א. גוטמאַן** — מאַטעריאַלן וועגן דער לאַגע פון די ייִדישע קאָלווירטן אין ווסס.

**ש. כ. אגורסקי** — דער כאַראַקטער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די ייִדישע אַרבעטער ביז דער אַנטשטייונג פון דער ר.ס.ד.א.פּ. מ. ווינטשעווסקיס בראָשורן „יהי אור“ און דער אַלעפבייז פון טרעד-יוניאָניזם. די ערשטע באָלשעוויסטישע בראָשור אף ייִדיש.

**פּראָפ. י. סאָסיס** — די היסטאָרישע „וויסנשאַפט“ פון ייִד. וויסנש. אינסטיטוט,

**ה. אלעקסאַנדראָוו** — די עקאָנאָמישע און סטאַטיסטישע „פאָרשונגען“ פון דעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

**ב. רובשטיין** — י. קאַנטאָר — ייִדן אין אוקראַיִנע.

4. **פּאַשיזירטער ייִדישיזם און זײַן וויסנשאַפט.** מינסק 1930. 150 ז.

אינהאַלט:

פאָרוואָרט.

**א. וואָלאָבּרינסקי** — פּאַשיזירטער ייִדישיזם.

**פּראָפ. י. סאָסיס** — די היסטאָרישע „וויסנשאַפט“ פון ייִד. וויסנש. אינסטיטוט.

**ה. אלעקסאַנדראָוו** — די עקאָנאָמישע און סטאַטיסטישע „פאָרשונגען“ פון דעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

**ה. אלעקסאַנדראָוו** — די נײַע ייִדישע מעלוכע, איר אינערלעכע און אויסערלעכע פּאָליטיק.

**מאַקס עריק** — „א בינטל בריוו“ וועגן דער עלטערער ייִדישער ליטעראַטור.

**כ. דונעץ** — דער „אַקאַדעמישער“ ניגער.

**ג. שיינין** — א ייִדישיסטישער קאָלבוי.

БЕЛАРУСКАЯ АКАДЭМІЯ НАВУК
ЯЎРЭЙСКІ СЭКТАР

פון מרדכי קאָסאָווערס זאַמלונג
אינוו. נומ ........ אָפּט ........

# ЧАСОПІС

## ТОМ 5

## ЛІТАРАТУРАЗНАЎСТВА

ВЫДАНЬНЕ БЕЛАРУСКАЕ АКАДЭМІІ НАВУК
Менск — 1931